Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1943

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library

02
A
.015267

פֿערעץ מאַרקיש

פֿאַר פֿאָלק און היימלאַנד

אָגיז
מעלוכע-פֿאַרלאַג „דער עמעס",
מאָסקווע 1943

02
A
.015267

פערעץ מארקיש

C TEA
USĂ

פאר פאָלק און היימלאנד

אָ ג י ז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס“, מאָסקווע 1943

2203

UNIVERSITÄT POTSDAM

Universitäts-
bibliothek

Inventarnr.

98032493

ПЕРЕЦ МАРКИШ

ЗА НАРОД И РОДИНУ

Редактор — *Б. Котик* Обложка — художн. *А. Гефтера*

Заставки и концовки — художн. *Н. Капустина*

Подписано к печати 13/IX-43 г. Л-16740. 4 п. л., $5\frac{1}{2}$ уч.-изд. л. Тираж 7.000. Заказ 21.

17-я Типография национальной книги треста „Полиграфкнига",
Шлюзовая набер., д. 10.

דעם ייִדישן שלאַכטמאַן

1

איך ווייס: דו האָסט געקושט די ביקס אין יענעם טאָג,
וואָס האָט אַפּ וואָגשאָלן געלייגט פון פאָלק דאָס לעבן,
און מיט אַ יעדן שאָס, ווי מיט אַ דונערדיקן גלאָק,
האָסטו געבענטשט דאָס לאַנד, וואָס האָט זי דיר געגעבן.

האָסט אַ דערקלערונג מאַכן פייַערלעך געהאַט
מיט פייַער און מיט בלוט דורך אופשטייַג און דורך ווײען —
דו! דער ייִד! דער בירגער! דער סאָלדאַט!
דו! דער ייִד! דער רויטאַרמייער!

געהאַט האָסט אַ דערקלערונג מאַכן מיט דער ביקס,
אַזאַ, וואָס ניט פאַרוועלקן וועט זי ווי די שטערן —
דו ביסט געווען, וועסט זייַן, דו ביסט
קעגן דער פינצטערניש און קנעכטשאַפט דער פאַרשווערער!

דו האָסט אַמאָל פון בערג געבעטן צען דערקלערט,
אַז ס'זאָל מיט זיי דאָס האַרץ פון וועלט זיך פיטערן און פעסטען.
פאַרפאָלגטע, טראָגן מיר זיי שטאָלץ איבער דער ערד
דורך אַלע אַרבע מיסעס בעסדן —

פון פאָלק צו פאָלק — מיט דערנער אַפּ די הענט,
פון לאַנד צו לאַנד — מיט וואָגל-ווינט געפאָרט דאָרט.
מיר מעלדן זיי אויך דאַן, ווען אונדזער מויל איז שוין פאַרברענט!
מיר מעלדן זיי אויך דאַן, ווען אונדזער האַלדז איז שוין געשאָכטן!

אַצינדער טראָגט זיך דייַן דערקלערונג צו דעם קאַט,
אַזאַ, וואָס נאָר מיט ביקס אין האַנט דערקלערן קאָן מען.

ס׳באוועגט זיך בארג און טאָל, עס מורמלט גראָז און בלאט,
און בלוט אפ אלע וועגן שרײַט: — נעקאָמע!

איך וויס: דו האָסט געקושט די ביקס אין יענעם טאָג,
וואָס האָט דיך אויג אפ אויג געשטעלט מיטן באגרעבער,
און מיט א יעדן שאָס, ווי מיט א דונערדיקן גלאָק,
האָסטו געבענטשט דאָס לאנד, וואָס האָט זי דיר געגעבן.

2

אלציינס — צי שמעלצסט זיך אײַן אין רודער פון א טאנק,
געגורט מיט גרימצאָרן און גענעמדיקע בלײַען,
און טראָגסט זיך שטאָלץ איבערן טויט ווי דער געדאנק
אונטער דעם בליץ-געפליעסק פון דונער און פון פײַער,

צי אין געפלאצטן הימל מיט גערויש און דראנג
איבער זעניטן-וואלד פון פלאם דיך טראָגן פליגל.
נאָר אין דײַן יעדער שאָס איך הער אזא געזאנג,
וואָס איז נאָך הייליקער און זיסער פון דער מאמעס וויגליד.

צי אפן מיטן פעלד — אין וויכערדיקן האנט-געפעכט,
צי באם הארמאט — דאָס פײַער איבער שטרעקעס ריכטנד,
הויערסטו אום, ווי זאָטלענדיק א פלאמיק פערד,
און שוויס ביז בלוט פון דײַן צעגליט געזיכט גייט,

צי אינעם קוילנווארפער אײַנגעגלידערט ביסט,
צי דורך גראנאטן בליצט איבערן פעלד דײַן קראפט-שײַן,
נאָר פון דײַן יעדן זאלפּ איבערן הארצן זיך צעפליסט
אזא פארפלייצנדיקער באָרכי נאפשי!

די שפּראך פון דיכטער און נעוויִים אפ דער ערד,
דער רויש פון טײַכן, דער געמורמל פון דיביימער,
זיך הייליקן זיי קומען בא דער לויכטנדיקער שווערד,
מיט וועלכער דו באצאָלסט פאר פאָלק און היימלאנד!

די שפּראך פון ווינט, די שטילקייט פון די בערג,
פון רעגנבויגן די קאָלירן און די פארבן —
זיך שלײַפן קומען זיי צום בלענד פון דײַן געווער,
מיט וועלכן דו בראָקסט די הענקער און פארדארבער,

פונקט ווי געשליפֿן זיך אַמאָל זיי האָבן בא איר ליכט,
די שאַרפֿ פֿאַרשפּרעכנדיק, באַרוישט און האַסטיק,
דאַן, ווען געשטורעמט און געבראָקט דו האָסט מיט איר
פֿון פֿינצטערניש די דאָגמע און סכאָלאַסטיק!

3

פֿון ניט פֿאַרוועלקנדיקן אוראַלט איך פֿאַרנעם,
ווי אַ צאַוואָע, דעם גערויש פֿון שלאַכטן. איך פֿאַרגעס ניט,
ווי שימען און ווי לייווי האָבן אויסגעקוילעט שכעם
פֿאַר לעסטערן, פֿאַר שענדן זייער שוועסטער.

אַצינדערט איז קיין צאָל אויף ציילן ניט פֿאַראַן,
קיין וואָרט אַצינד אויף וויינען איז ניטאָ מער.
זאָל ווי אַ באַרג זיך איצט אַראָפּלאָזן דײַן האַנט,
זאָל דרײַ מאָל, ווי דער אומגליק, גרויס זײַן די נעקאָמע!

דער גלאַנץ פֿון זייער בלוט איז זיסער פֿון באַגינען,
קיין פֿרייד אַזאַ אינערגעץ איז ניטאָ מער —
אָט שטייט ער קעגן דיר, דער דײַטש, פֿונקט ווי אַ יאַשטשער גרינ, —
רײַס זיך אַרײַן אין גאָרגל, אין זײַן טאָמען,

און ביזן לעצטן אָטעם ניט פֿאַרגעס
פֿון וויג־קינדער געשלײַדערטע, פֿון מאַמעס די געהוילן,
די ערד די ווייַנענדיקע פֿון דער שטאָט אָדעס
און דאָס געוויין פֿונעם פֿאַרבלוטיקטן לוקיאַנאָווקער בעסוילעם.

איבער געשאָכטענע קעהילעס, איבער אָרעמקײַט צעפּליקטס
יאָרהונדערטער זיך קויקלען, פֿונקט ווי רייפֿן.
ווערסט, יידישער סאָלדאַט, זיך ניט צעשיידן מיט דער ביקס,
ווי ס׳האָבן דײַנע זיידעס ניט צעשיידט זיך מיטן סייפֿער.

דו ווערסט זי ניט אַרויסלאָזן פֿון האַנט אַצינד,
ס׳וועט אין דײַן צאָרן איבערברענען יעדער פֿעסטונג.
— אַ שטאָט פֿאַר יעטווידן געשאָכטן קינד!
— אַ שטאָט — פֿאַר יעטווידער געשענדטער שוועסטער!

גיי, רויטאַרמייער יידישער, נעקאָמע נעם,
זאָל זיך ניט אויסשעפּן פֿון האַרץ דײַנעם דער צאָרן,

ביז ס'וועט בערלין ניט זײַן צעבראָקט ווי שכעם,
ביז ס'וועט דאָס בלוט ניט זײַן באַצאָלט פון דײַנע קוואָרים!

4

איך ווייס ניט — גרוי צי שווארץ
איז דער קאָליר פון דײַנע אויגן,
ווארשײַנלעכער פון אלץ זײַנען זיי שארפ
און דורכדרינגלעך, ווי פײַלן פון די בויגנס.

איך ווייס ניט — בלאָנד צי שווארץ
און צי געקרײַזלט איז דײַן קאָפּ באוואקסן.
ווארשײַנלעכער פון אלץ
איז ער פארפעסטיקט מיט געדאנק אף דײַנע אקסל,

און דענקט מיט פײַער און מיט פלאם
און איז מיט מונטערקײַט מיט שלאכטיקער באלאָדן,
אלציינס, צי שווימסטו אפן דעק פון יאם,
צי טראָגסטו זיך אין וואָלקנס, ווי אן אָדלער,

מיט שראמען שלאכטיקע דורכויס באקריצט,
מעסלעסן קײַלעכיקע נאָכאנאנד — קיין רו ניט.
ווי זיס איז ער, דער שווינדלדיקער בליץ,
וואָס ווײַזט דעם וועג צו שארבנס דײַטשישע דײַן דונער,

און רײַסט זיי אוף, און שטאָפּט זיי אָן מיט קויט,
און גיט זיי שלאָפּגעטראנק צום לעצטן אײַן נאָך.
אָ, סארא טײַנעג ס'איז, ווען ס'קומט אף זיי דער טויט
דורך הענט דורך אויסגעווייטעקטע דורך דײַנע,

אין פארב אין אײנציקער פון גליק געגארטס,
פון פאָנען, פלאטערדיקע איבער שלאכטן,
זע איך דײַן היים, דײַן ברענענדיק, דײַן יידיש הארץ,
דײַן דאָרשט צום זײַן, און צו דעם ניט-זײַן — דײַן פאראכטונג!

איך ווייס ניט דעם קאָליר פון האס.
איך ווייס זײַן קראפט, און פון זײַן קראפט די פאָלגן.
איך ווייס: ס'וועט זײַן א יאָמטעוו אויך אף אונדזער גאס,
און אין דער קייט דער גאָלדענער וועט אײַנשליסן דאָס פאָלק דיך!

איך ווייס: דו האָסט קיין ברויט ניט אָנגערירט אין יענעם טאָג,
ווען ס׳האָט דער קאט דאָס פאָלק צום אויסראָטן געמאָלדן.
נאָר ניט קיין טאָנעס ס׳איז געווען און ניט קיין פלאָג,
געמאָלדן מ׳האָט עס ניט צום ערשטן מאָל דיר...

דאָס וואסער אויסגעטריקנט אין באקלאזשקע האָט,
געריסן קריע אפן לײַב האָסטו פון צאר און ווייטאָק,
ווען זקיינים האָט דער קאט געיאָגט אפ מאָרד און שפּאָט,
ווען איבער קינדער האָט די האק געטאָן זיך א צעגיי דאָרט.

נאָר ניט אראָפגעלאָזט אין פּײַן האָט זיך דײַן קאָפּ,
דײַן ביקס, פונקט ווי א רייניקײַט, האָט זיך אין ד׳רהייך געהויבן!
צוויי טויזנט גאָלעס-יאָר זײַנען פון דיר אראָפּ,
און פינף און צוואנציק פרילינגס צערטלען דיך מיט צויבער,

אז ווי א לייב אין שלאכטן גיין זאָלסט גראד,
דײַן גײַסט זאָל שטאָלץ קעגן דעם הענקער זײַן פארמאָסטן.
— דו האָסט באשטעטיקט דײַן בארוף בא סטאלינגראד!
— דו האָסט דײַן רעכט באשטעטיקט אונטער מאָסקווע!

פאָרויס אונטער דער פאָן — דער ברידערלעכער רוס,
מיט דיר דער אוקראַינער גייט צוזאמען
און דער ווײַסרוס, און נאָך, און אלעמען איז גלײַך באוווּסט,
אז נאָר איין היימלאנד איז פאראן, ווי ס׳איז פאראן איין מאמע!

און שטארבנדיק אפ שלאכטפעלד, בענטשן וועסט די שווערד,
און מיט א קוש זיך צולייגן צו דער באפרײַטער שוועל דאָ.
אויך מיט דײַן לײַב ז׳פארקנאָטן רוסלאנדס ערד,
אויך מיט דײַן בלוט זײַנען באגאָסן אירע פעלדער!

איז נעם פון הארץ מײַ נעם דאָס טיפסטע קאָל,
עס שיידט זיך ניט ניט טויט מיט דײַנע בא די ראנדן!
דיך אין דער קייט דער גאָלדענער וועט אײַנשליסן דאָס פאָלק,
א שטערן אָנטאָן וועט א גאָלדענעם דאָס לאנד דיר!

— ★✦★ —

האָ לאכמאָ

1

מ'האָט אים אײַנגאַנצן ניט באַדאַרפֿט, דעם קאָנטראַבאַס,
מע האָט געוויס געקאָנט באַגיין זיך אָן אים, —
נאָר ס'גייט א גאַנצע שטאָט, א גאַס יאָגט אָן א גאַס,
צום אומגליק לאָזן אַלע זיך, ווי מעכוטאָנים,

און רוישן מיט די בערד דורך פּאַרמעטענער הויט
און שטעלן שטאָלץ זיך בא דעם קײַווערדיקן ראָוו אויס:
— האָ לאכמאָ! — אָט אָ דאָס אָ ברויט
האָבן דורך שטערן אונדז פֿאַרזאָגט אונדזערע אָוועס.

ניטאָ אין שטאָט קיין אײַנציקער, וואָס פּאַסט.
צום קײַווער, ווי צום טיש! די אויגן — קלאָרע!
איז אין א טאַלעס אָנגעטאָן דעם קאָנטראַבאַס
און אים פֿאַרדעקט דעם קאָפּ מיט אן אטאָרע.

— הייב, מאַלכאַמאָוועס, אָן! ס'איז דיר די פֿינצטערניש פּאַרטרוויט!
נאָר צו דער הימלדיקער ליכט ניטאָ קיין סאָף איז;
— האָ לאכמאָ! — דאָס איז עס דאָס ברויט,
וואָס ס'האָבן דורך די שטערן אונדז פֿאַרזאָגט די אָוועס.

2

א רויטער גליטש. די ערד איז גלאַנציק נאַס.
דער מאַלכאַמאָוועס גליטשט זיך אַלע ווײַלע אויס די טריט דאָ.
עס שפּילט אַף זיך אַליין באַנאַכט דער קאָנטראַבאַס
א קײַווערדיק באַזעצנס פֿאַר א שטאָט מיט ייִדן.

אין כאַסענעס דערמאָנט ער זיי פֿאַרפּלויגענע געשווינד,
אין מאָלצײַטן אין אָרעמע מיט זיבן טאַמען...
עס פֿאַלט אין גרוב א דורכגעשטאָכן קינד,
און ס'שטרעקט צום לעצטן מאָל די הענט א מאַמע...

זי האָט אַזוי געשטרעקט די הענט באַם ליכטבענטשן, אין נויט,
זי האָט אַזוי געשטרעקט די הענט אין פֿיבער פֿון געבוירן.
— האָ לאכמאָ! — אָט אָ דאָס אָ ברויט
האָבן די אָוועס אונדז פֿאַרשפּראָכן ווי דעם גוירל.

אצינד וועט אונדזער טרוקנ ברויט זײַנ — האס!
און ליכט פון שווערד וועט יעדער קייווער איצטער מאָנענ;
מ׳האָט אים אינגאנצנ ניט באדארפט, דעם קאָנטראבאס,
מע האָט׳ געוויס געקאָנט באגיינ זיך אָנ אים!

3

אצינד, ווענ ס׳קערט די ריִע מיר זיך אום צוריק אליינ,
איז מיר א ריס די אויגנ עפענענ און זענ מיט יעדנ גליד דאָ,
אז ס׳איז מײַנ הארצ אראָפגעפאלנ, ווי א שפיגל אפ א שטיינ,
און מיט א קלונג פונ בראָך אפ שטיקער זיך צעשפליטערט.

געוויס איז אויך א יעדער בראָך-שטיק ניט באפרײַט
צו זײַנ אנ איידעס ווענג מיר ביז מײַנע לעצטע פיר באשערטע איילנ.
— צעטרעט מיך נאָר ניט, דו, — אָ, ריכטער מײַנער, צײַט,
ביז איך וועל אָפזוכנ אינ אויסשאָט די צעשפריצטע טיילנ...

איך וועל זיי אופקלײַבנ פארפרוונ — איינס צו איינס —
באהעפטנ זיי באנאנד, ביז בלוט אינ פינגער זיך פארשטאָכנ, —
כאָטש ווי איך זאָל זיי קונציק ניט צונויפקלעפנ, אלציינס
וועל איך אינ דעם זיך שטענדיק זענ פארקריפלט און צעבראָכנ.

ערשט איצטער קומט צו מיר אינ טרויער דער באשייד,
אינ ווײ פונ איבערשמעלצ — באגרײַפ איך פלאמיק
דעם פײַנ פונ וועלנ זענ זיך אינ שפיגל — גאנצערהייט,
וואָס איז אינ בראָך-שטיקער צעזייט אפ אלע שיווע יאמימ...

★✦★

א שוווּע אפֿן קײוווער פֿון פֿארפֿײַניקטן רויטארמייער

דעם פֿײַנ ביסט דורכגעגאנגענ שטאָלצער ווי דעם רום,
געטראָגנ ווי די ביקס זיך אינ דער הייך דײַנ ווײ האָט;
זאָל ניט געשטערט דורך טרערנ זײַנ דײַנ ריטער־רו, —
מיר וויינענ ניט! מיר שווערנ, רויטארמייער,
באַמ קײוווער דײַנעמ — ווו ער זאָל ניט זײַנ
אונ ווו איר שויס האָט ניט צעשפּאַרט די ערד אים:
ס׳וועט זיך אינ שייד ניט לייגנ ס׳גרויזאמע קלייזײַענ,
ביז אומקומענ ס׳וועט ניט דער שטאמ פֿונ דײַנע מערדער,
וואָס האָבנ מיט דײַנ לעצטנ ווייטעק זיך געטיילט,
ווי מיט דײַנ קלייד, אימ רײַסנדיק מיט נעגל שארפֿע;
אפֿ גאָר דער ערד וועט ניט געפֿינענ זיך קיינ שטיינ,
וואָס וועט אליינ אינ זיי ווי קלאָלעס זיך ניט ווארפֿנ!

באשאָטנ האָט די ערד דעמ קאָפּ מיט אש,
מיט טרויער זיך פֿארדעקט האָבנ די פּאָטערלעכע ווײַטנ, —
נאָר דו האָסט אופֿגעלויכטנ דרייסט, אָנ ראש,
פּונקט ווי אינ אויסשפּירונג געגאנ צו דײַנע לעצטע ליידנ.
געגאנגענ אויסגעטאָנ פֿונ לאסט אונ אָל,
מיט ליבע פֿול צומ פּאָטערלאנד אינ הארצנ,
אנטקעגנ הענקער דײַנע ביסט געשטאנענ שטאָלצ
אונ מיטנ לעצטנ דעך געשפּיגנ זיי אינ פּארצעפּ,
געשטאנענ צוגעבונדנ צו א בוימ,
ווי פּראָמעטיי צומ פֿעלדז, מיט העלנ בליק צו ווײַט:;
נאָר ניט קיינ אָדלער האָט געפּיקט דײַנ הארצ אינ רוימ.
א ברוינער וואָרעמ האָט בא דײַנ צופֿוסנס זיך געװײַטערט.

געלויערט שײַטערס האָבנ אפֿ דײַנ לעצטנ טראָט
אונ פֿײַנ אזא, וואָס ס׳האָט ניט אויסגעטראכט דער גענעמ;
נאָר דו האָסט ניט געוויינט אונ ניט געבעטנ קיינ גענאָד

און דרייסט צו לעצטן פּרוּוו דײַנעם געגנענ.
געוויינט פאר דיר האָבן די וועלדער און דער ווינט,
די טײַכן האָבן זיך ווי אפ געשלעג באוויגן,
פון גרונטפעסט האָבן בערג געריסן זיך געשווינד,
און ס'האָט די זון מיט כמארעס זיך פארצויגן.

צונויפגעפרעסט דורך דײַנע ציין האָט זיך א ליד געהערט,
א ליד, ווי דאָס געשאַל דאָס ווינטיקע פון יאמען.
מיט טרערן האָט געוואָרגן זיך די גאנצע ערד,
און ערגעץ האָט די הענט געשטרעקט דײַן מאמע
און האָט אפ העלדנמוט געבענטשט איר צווייטן זון,
געטײַט אפ דיר מיט בריִענדיקע טרערן:
— עס שווערט דאָס לאנד דאָס גאנצע בא דער זון!
— עס שווערט דאָס לאנד באם הימל און בא שטערן!
— עס שווערט דאָס לאנד זיך מיט דער לעצטער שלאכט —
איר דונער-קנאַל אין ווײַטן שוין זיך הערט דאָרט, —
פון דײַנע אויגן אויסגעשטאָכענע די הוילע נאכט
וועט זײַן דאָס פאָטערלאנד פון דײַטשע מערדער!
עס האָט צו דיר קיין צוטריט ניט דער טויט.
עס שווערט דאָס לאנד באם ווייטעק פון דײַן מאמע:
דאָס בלוט פון שטערן, אויסגעקריצטן אפ דײַן הויט,
וועט סארפּענ אפן לײַב פון גאנץ גערמאניע!

דײַן רו באוואכט אינערגעץ ניט קיין שטיין,
און ניט באוווּסט ז'דאָס אָרט פון דײַנע לעצטע ליידן:
עס וועלן קומען קינדסקינדער צו דיר אליין,
זיי וועלן דיך אין הארץ אדורכטראָגן דורך אלע צײַטן.
אפ אונדזער פרײַער ערד — באפרײַט זיי וועלן גיין
דורך ווינט און פראָסט, דורך היץ און שנייען
פארנייגן זיך פאר דײַן אומשטערבלעכן געביין,
פארפּײַניקטער און שטאָלצער רויטארמייער!
די הענט פארברעכן מיר קיין רעגע ניט אין צאר,
זיי זײַנען פול מיט צאָרן פאר די לייד און ווייען;
און זײַן וועט גרויזאם די נעקאָמע און דער סכאר —
מיר וויינען ניט, מיר שווערן, רויטארמייער!

★✦★

ענטפער, טאַליען!

דאָ איז דײַן ראַנד! צווישן פּעגאָרים-בערג פון אַש!
געשווינדער אײַל! פאַרטרוי איצט דײַנע וואָרגנדיקע טריט אים!
האָסט עפּשער נאָך מיט וואָס צו איבעראַשן — איבעראַש!
באַוווּנדערן פאַרלאַנגסט עפּשער מיט עפּעס — ביטע!

נאָר בעט ניט קיין גענאָד! עס איז דײַן מויל אין בלוט!
מאַך זיך צום אָפּשייד גרייט. געזעגן מיט דער האַק זיך.
ס'קערט עפּשער אום זיך דער פאַרשטאַנד דיר אַף אַ ווײַלע — גוט!
איז שלעפּ אַראָפּ דעם ווערעמדיקן רויב-זאַק פון די אַקסל,

מיט כּעזשבן טרייסל אויס אים ביז צום דעק,
ווײַז, צוליב וואָס זײַנען געוועזן אָפּן דײַנע אויגן,
צו וואָס עס האָט באַ דיר אַ האַרץ געקלאַפּט — אַנטפּלעק!
און צוליב וואָס עס האָבן דײַנע אַנגלען זיך באַוויגן.

די הענט דײַנע די בלוטיקע — באַקוק!
די טרערן און דעם וויי, וואָס זיי האָבן געקאָסט, — באַרעכן!
עס זײַנען דײַנע בערג פּעגאָרים ניט גענוג
אַף צו באַצאָלן פאַר די מאָרדן און פאַרברעכנס,

וואָס האָסט מיט זיי באַקרוינט דײַן בלוטדורשטיקן וועג,
וואָס האָסט מיט זיי פאַרזייעט שטעט און לענדער.
ניט אַף קיין רו געעפנט האָט דײַן קייווער זיך! ער פרעגט:
— ווער ביסטו, כּײַע, און פונוואַנען — ענטפער!

עס קאָן דעם וועג ניט טרעפן דער פאַרשטאַנד,
עפּעס פאַראַטן דאָס געזעץ פון דער נאַטור האָט און פאַרענדערט:
— אַוועלכע טראַכט דיך אויסגעטראָגן האָט אין פעסט און שאַנד?
— אַוועלכע העקדעשן האָבן דיך אויסגעכאָוועט — ענטפער!

דער קייווער פרעגט. עס הערט זיך אײַן דער רוים.
די ווײַט — אַן אויפגעוועקטע רײַסט פון זיך די פּענטן:
— ווער האָט עס דיך, פאַרדאַרבונג, זיפגעלאָזט פון צוים?
— ווער האָט צום לעבן דיר געגעבן שליטע — ענטפער!

ס'וויל ניט דאָס פעלד פארשטאָכן זײַן מיט צלאָמים וויסט,
און ס'וויל די גרינע בייט ניט גראָבן זיך פאר קוואָרים;
דעם אקער מאָנען זיי! ער זאָל זיי געבן א צעשלים.
זיי דארפן פרוכפערונג, זיי דארפן בליִען און געבאָרן!

נאָר ס'קאָן די ערד קיין פרוכט ניט געבן פון איר טראכט,
אוןביימער קאָנען ניט אנטפלעקן זייער שפראָצונג,
ביזוואנען ס'וועט אפ דיר ניט אָנטאָן זיך די נאכט,
ביז אָפגעמעקט ס'וועט ניט דײַן לעצטער טראָט זײַן!

ניט אופגיין קאָן פון טיפעניש דער קוואל,
ניט לייגן קאָנען זיך די טויען אפ געוויקסן,
ביז אונטער שווערד — דער לעצטער וועט פון אײַך ניט טאָן קיין פאל,
ביזוואנען ניט צעבראָכן וועט דײַן לעצטע ביקס זײַן!

איז בעט ניט קיין גענאָד! און שטרעק ניט אויס די הענט,
וואָס האָבן, בלוטיקע, בא פרויען אופגעריסן בײַכער
און זקיינים לעבעדיקערהייט פארברענט
און מעסערס אין די קינדער שוצלאָזע געשלײַדערט.

א כעזשבן פירן מיר געדולדיק און גענוי.
ער איז מיט בלוט פארקריצט און מיטן וויטעק טיף באהאלטן;
מיר וועלן אופמאָנען פאר יעדעס אויסגעשטאָכן אויג,
פאר יעדעס קינד, פאר יעדער טײַוולשער פארגוואלדונג!

טרינק אויס דעם גיפט, וואָס האָסט אין בלוט דײַנעם אנטפלעקט
און אפ אים אָנגעטאָן א פינצטערע קאמייע, —
דער קייוועד ווארט. טרינק אויס אים ביז צום דעק.
ס'באפעלט דיר דאָס געביין פונעם פארברענטן רויטארמייער,

וואָס דו געשונדן האָסט זײַן ברענענדיקע הויט,
און ער האָט אין דײַן פארצעפּ טויטערהייט דיר אָנגעשפּיגן.
ער לעבט! דו הערסט? ער איבערוווּנדן האָט דעם טויט.
— נעקאָמע! — רײַסט דאָס פײַער פון זײַן לײַב זיך ווי מיט פליגל.

— נעקאָמע פאר די זויג-קינדער, ארויסגעריסענע פון שטאם!
— נעקאָמע פאר די מאמעס די געשענדעטע אפ וועגן!
ס'וועט ניט גענוגנד זײַן דער גענעמדיקער פלאם
און ניט די אָפּגרונטן פון יאם פארדײַנעטוועגן!

— נעקאָמע פאר די טעכטער די פארפּײַניקטע אין שאנד!
— נעקאָמע פאר די היימלאָז-וואָגלענדע יעסומימ!
עס לייגט ניט אײַן זיך בא דעם סאָטן אין פארשטאנד, —
פון וועלכע שטײַגן אויסגעריסן האָסטו זיך, פון וועלכע צוימען!

פארבראָכן טלײַען קוימענעס ווי א דערשטיקט געשריי,
און טײַכן איבער ברענען רײַסן זיך פון צאָרן:
— נעקאָמע פאר באגראָבענע, צעבראָקטע לעבעדיקערהייט!
— נעקאָמע פאר דער ערד, פארוואנדלטער אין קוואָרים!

א כעוזשבן ווערט געענדיקט מיט ווײ געפירט.
אימ פאָרזעצן קיין קויעך און געדולד איז שוין ניטאָ מער!
עס מאָנט דאָס בלוט ס׳פארגאָסענע: — פארניכטן!
עס שרײַען ביינער פון פארפּײַניקטע: — נעקאָמע!

———— ★✦★ ————

דערהארגע אים!

דערהארגע אים, דעם פײַנט, ווו נאָר דו אים דערזעסט!
דערמאָרדע אים, ווו נאָר פון ערגעץ ער באווײַזט זיך!
צעטראָטן האָט ער העפקער דײַן פארהאָרעוועטע נעסט,
מיט שאנד באדעקט דײַן ליבסטע און געטרײַסטע...

האק אָפּ זײַן האנט, ווו נאָר ער שטרעקט זי אויס,
דעם טויט דורך פײַער אָטעם אומעטום ארײַן אים!
ער האָט דײַן קינד דעם קאָפּ צעפּלעט בא דיר אין הויז
און אָפּ די אויגן פון דער מוטער עס פארפּײַניקט.

פארלענד אים אפן וועג, ווו נאָר זיך ער פארטרויט,
אָפּ יעדן טראָט גלײַך ווי א שאָטן נאָך אים לויער;
ער האָט דײַן פעלד פארוויסט, בארויבט דײַן ברויט
און אָנגעזויגט א יעדער גראָז מיט פּײַן און טרויער.

פארטיליק אים באטאָג, פארטיליק אים באנאכט,
אָפּ מילשטיינער פון ברענענדיקן צאָרן איבערמאָל אים;
ער האָט דעם אומגליק אין דײַן פרידלעך לאנד געבראכט
און רײַסט מיט ווּט צום הארץ זיך ווי א קלאָלע.

זאָל אין דער שלאכט קיין מאָס ניט וויסן דײַן געוואג,
ווען קעגן פײַנט צעגלאנצט דײַן שווערד זיך די געטרײַ;

דעם בוים, וואָס האָסט געפּלאַנצט, האָט ער א שיקערער צעהאַקט,
די שטוב, וואָס האָסט געבויט, האָט ער געלאָזט מיט פייער.

דערוואַרג אים! און דעם גיפט זיינעם מיט אים צעשייד!
אין אלע זייטן פיר אָפּ אש און שטויב צעווייַ אים!
באַגראָבן האָט ער דאָ דיין מאַמען לעבעדיקערהייט
און האָט איר קייווער אויך נעלעסטערט, רויטאַרמייער.

גלי אויס אים אין דער לופט און אָפּן יאַם און אָפּ דער ערד!
דיינע צעבליטע בייטן לאָז אים ניט פאַרדאַרבן.
די קנעכטשאַפט טראָגט ער אָפּ זיין אָפּגערויבטער שווערד,
דעם טויט, ווי פון א קויש, ער זייעט פון א שאַרבן.

פאַרניכט און אונטערברעך אים זיינע טריט,
און פייער־בערג פאַרלייג אים אָפּ די וועגן;
דער דניעפּער קרעכצט מיט קייטן־וואָי געשמידט,
דער שטילער דאָן הייבט אוף זיך איבער ברעגן

און פאָכעט אוף איבער דעם גינגאָלדענעם סטעפּ
ווי א קאַזאַצקע אויסגעשלייפטע סאַבליע.
— זאָל גיין דער שניט אָפּ סוינעס אומווירדיקע קעפּ!
עס שלאָגן פונקען אויס די פערד, זיי רייסן זיך און צאַפּלען.

דאָס האַרץ פאַר שטורעם גיט זיך א צעכראַסט,
אָפּ פאָנען לאָזן זיך אראָפּ אליין די שטערן.
— זאָל ניט דער טרויער אָפּעמען דיין רו, נאָר האַס!
און זאָל דיין שלאָפלאָזיקייט זיין — נעקאָמע, ניט קיין טרערן!

פאַריאָסעמט קוקט דער וואַלד, ווי ס'טרייבט דער פיינט דיין טאַטן אין דער פרעמד
אָפּ קנעכטשאַפט, אונטער שווערד באַוואַכט דאָרט;
— אין רייפן פלאַמיקע פאַרצי אים און פאַרקלעם,
דערשלאָג אים, רויטאַרמייער! אָן ראַכמאָנעס אים דערהאַרגע!

דיין שוועסטער ט'ער געמאַכט צו שאַנד און שפּאָט,
דיין קינד געקעפּט און עס פאַרברענט דערנאָכדעם;
ניטאָ קיין לעבן אונטער סוינעס טראָט!
— דערהאַרגע, וווּ דו טרעפסט אים, און דערמאָרדע!

מאטראָסנ

זײ זײַנען אראָפּ אפנ טויטנ קרעשטשאטיק,
די לײַבלעכ — אינ שטרײַפנ, די לײַבער — אינ בלוט;
אפּ יעדנ געקוקט האָבנ צוויי אווטאָמאטנ,
אונ אײנער האָט הינטנ באגלײט דעמ מארשרוט.

געברויזט דורכ צעפּליקטע בושלאטנ האָט בראָנזע,
אונ יעדער צעבלוטיקטער בײַל האָט דערציילט:
זײ האָבנ געשלאָגנ ביז לעצטנ פּאטראָנ זיכ,
דערנאָכ מיט די נעגל, דערנאָכ מיט די צײנ.

דערנאָכ האָבנ טאנקענ געלאָזט פונדאָמענטַ זיכ,
אונ וי אפּ א פעסטונג — צו יעדנ מאטראָס;
אונ ענגער ארומ האָט פארצויגנ דער קרײַז זיכ,
נאָר קײנער פונ זײ האָט דאָס פעלד ניט פארלאָזט.

א קוק געטאָנ האָט מענ צולעצט אפנ דניעפּער,
צו אימ נאָכ א בראָכע געטאָנ זיכ א הויב;
געלעגנ איז ער אינ א בלוטיקנ נעפּל,
די כוואליעס ווי קײטנ געקלונגענ פארטויבט.

געווענדט זײער בליק האָט צו אימ זיכ פונ ווײַט שוינ,
דער הימל געטוליעט זיכ ווי צו א ווונד.
— זאָל קארג זײַנ דײַנ פלוס-בעט פאר בלוט פונ די דײַטשנ,
ניט קלעקנ פאר זײ זאָל דײַנ קיִווערשער גרונט.

ניינ, ניט קײנ געפאנגענע זײַנען מאטראָסנ
געגאנ צו דעמ טויט פאר דעמ לײַבלעכנ דניעפּ.
מיט דײַטשישע שארבנס געבעט אפנ גראָז זיכ
זײ האָבנ דעמ לעצטנ מארשרוט, ווי מיט טרעפּ.

זײ זײַנען אראָפּ אפנ טויטנ קרעשטשאטיק.
די לײַבער פארבלוטיקט אונ הוילע די פיס —
אנ אונטערגעשאָסענע אָדלערשע טשאטע —
עס האָבנ די קיִעווער בערג זײ געגריסט.

פארוואלגערט די גאס איז אינ ציגל געלעגנ,
פונ אונטערגעבראָכענע הײַזער פארלאָזט,

דער טרויער פון שטאָט איז געגאַנגען ווי א רעגן,
פון צווישן דעם בראָכווארג געשפּארט האָט זיך גראָז.

ס'וולאדימירער בערגל ז'איז בלוט איינגעריכט דאָרט,
און גרוי זיינען ביימער פון שאַנד און פון צאר —
ס'צעפּליוהעטע גרינס איז ווי קעפּ פון געריכטע.
באַשאָטן מיט אַש איז א יעדער בולוואר.

מארשירט דאָ זיי האָבן פון יאָמטעוו צו יאָמטעוו,
די ליענטעס געפּלאטערט מיט גאָלדענעם פלאַם;
עס האָט זיך די שטאָט זיי א פרייע דערמאָנט דאָ,
אין צוויט א צווייגטע, אזוי ווי א יאַם.

און איינער דעם בליק דעם קאָנוואָיענעם מיידנד,
געוועדנט זיך האָט צו מאטראָסן: — בראַטווא!
געגאַנגענע זאָל זיין, ווי געגאַנגענע מ'איז מיי דאָ!
און ס'האָבן די קעפּ זיך א הייב געטאָן וואך,

א ברעג געטאָן האָבן אין בלוט די בושלאַטן,
פון אויגן פון טריבע רייסט דורך זיך א שטראַל,
דערמונטערן זאָל זיך דער טויטער קרעשטשאַטיק,
און זאָל זיך דערמונטערן דער ארסענאַל.

עס וועלן נאָך קומען מאַטראָסן פון צאָפן,
מאטראָסן פון דאָרעם שוין איילן זיך, דניעפּ!
א ווינט איבער גאַסן איז איבערגעלאָפן,
א הייב האָבן ביימער געגעבן די קעפּ.

און ס'קלאַפּן די טריט שוין. די רייען זיך ציִען.
און — אַקסל צו אַקסל, מאטראָס צו מאטראָס,
און ס'גיט א צעגאָס זיך א ליד איבער קיִעוו:
צעוואָרפן דער יאַם האָט זיך ברייט... און — א שאָס

פון צוועלף פאַראַבעלומס געצילטע מיטאַמאָל...
מיט בלוט דאָס געזאַנג שוין איינענעם זיך צאַפּט;
נאָר ס'האָט אינדערלופטן א שפּרונג געטאָן דאַמאָלט
אַף טויטן קרעשטשאַטיק דער דייטשישער שטאַב.

און ווי דינאמיט אונטערלייגט האָט די ליד זיך —
ס׳מאטראָסישע ליד—אין די וויַטנ דערהערט:
און ס׳האָט דאָרט מיט האס און מיט צאָרנ ווי בליצנ
אים אופגעריסנ די אוקראַינישע ערד.

——— ✶✦✶ ———

דעמ פארטיזאנס מוטער

זי האָט אינ שטיבעלע אפ קיינעמ ניט געוואַרט,
נאָר אינ דער שטיל זיך איַינגעהערט אינ טריט אינ וויַטע:
— צי ט״אָגנ אייגענע פארבײַ ערגעצ די וואַך,
צי דער ניט-גוטער טראָגט דעמ סוינע שוינ פונסנײַ דאָ?..

אינ הימל הויך א שטערנ ערגעצ פאלט.
זי וואָלט די הארציקע דערקאָנט דאָרט אלע לויט די שאָטנס;
ניט וויַט פונדאַנ, פארטיַיעטע אינ וואלד,
האָבנ זיי אויסשפירנ דעמ פיַינט בא וועגנ זיך צעשאָטנ.

זיי שלאָפנ ניט. זיי שליַיפנ שארפ די שווערד.
באַצאָלנ דארפנ זיי פאר בלוט און היימ צעשטערטער:
עס שלאָפט ניט רוסלאנד שוינ אזויפיל נעכט,
קיינ אויג מאַכט זיך ניט צו בא זיַינע זינ און טעכטער.

זי ווייסט, די אלטינקע, זי ווייסט — נאָר ניט קיינ טרער
זיך ריַיסט פונ הארצ דורך אירע אלטע אויגנ;
אליינ האָט זי בא אירע זינ געבענטשט ס׳געווער,
אליינ די רימענס אפ די לענדנ שטיַיפ בא זיי פארצויגנ,

און יעדערנ פונ זיי ארומגענומענ צארט,
זיך אָנטאָנ אלע זיי געהייסנ ווארעמ:
— דער וואלד ווערט א געטריַיע היימ איַיך זיַינ באנאַכט,
די נאַכט געטריַי וועט איַיך פארשטעלנ פאר געפארנ!

און דריַי מאָל אָנגעזאָגט זיי בא דער שוועל
און באמ אוועקגיינ — דריַי מאָל זיי איבערגעציילעמט:
— זאָל איַיך אינ נויט באשיצנ דאָס געטריַיע פעלד,
זאָל אומעטומ פונ איַיך דער גוטער שפרוך דערציילנ!

ווען ס'גייט שוין קיינער ניט אדורך דעם וועג,
ווען פֿײַערלעך אין פֿענצטער אויסגעלאָשן זײַנען,
איז לאָזט זיך אומבאמערקט די אַלטינקע אַוועק
אַריבערברענגען שפּײַז אין וואַלד די פּאַרטיזאַנער.

אַצינד האָט זי אין שטיבעלע אַף קיינעם ניט געוואַרט,
נאָר בייזע טריט האָבן פֿון נאָענט זיך געהערט דאָך:
אוי, ניט די זין די האַרציקע געטראָגן האָבן וואַך,
עס האָבן זיך אין שטיבעלע אַרײַנגעריסן מערדער.

דערלאַנגען עסן האָבן זיי זיך גלײַך באַפֿעלט,
די קו פֿון שטאַל אַרויספֿירן די רעגע.
דעם לעצטן ביסן האָט די אַלטע זיי געשטעלט,
און זיי — „וואָס נאָך?” — מיט ביטערניש געלאָזט זיך פֿרעגן.

— מיר וועלן איבערנעכטיקן! — האָט גלײַך ביז בלוט
אַ מאָרדעווע געגעבן איינער מיט די פֿיס זי.
האָט זי זיך אויפֿגעהויבן און געענטפֿערט: — גוט!
און די געלעגערס זיי די אָרעמע באַוויזן.

די טיר פֿון דרויסן שטיל פֿאַרשלאָסן אַף אַ שלאָס,
די לאָדנס צוגעמאַכט, דער טאָג זאָל זיי ניט וועקן.
מיט ציטערדיקע הענט — אַף שטרוי דאָס לעמפּל אַ צעגאָס,
אַ שוועבעלע אַ רײַב און מיטן שטיבל זיך געזעגנט...

ס'האָט פֿײַער זיך אין דר'הויך געטאָן אַ טראָג,
די געסט אין רויך דערשטיקט געלעגן זײַנען.
און ערגעץ איז די אַלטינקע מיט אויפֿגאַנג אַפֿן טאָג
געגאַנגען זוכן אירע זין — די פּאַרטיזאַנער.

אוּווערטיור

נעמט דעם גאָלעס אָפּ זיך, פייגל, און געזעגנט זיך מיט נעסטן,
נעמט פאַר ליב דעם קלונג פון שווערדן, נאָכן רוף פון גורל — פאָלגט!
אײַער ליד זאָל זײַן אַ בראָכע, אײנעם טרויער זאָל זי פעסט זײַן,
זאָל דורך איר אין דוירעס אָפּגײן דער ניסאָיען פונעם פאָלק,
ווי אין גאָלדענעם באַגינעג האָט דורך איר די פרייד די גרויסע
איבער ראַכוועסדיקע רוימען זיך געטראָגן ניט געצאַמט, —
ווען אין הויכער מי געפלאָכטן האָט אַ שטרוי דאָרט צו אַ שטרוי זיך,
און אַ ציגל צו אַ ציגל, און אַ זעמ ל צו אַ זאַמד.
ס'טרעט אַצינד אויף דעם דער סוינע, ס'גייט דער טויט פון שוועל צו שוועל דאָ.
אין די ברענענדיקע וועלדער רײַסט מיט שטאַם ער יעדן ביים.
טראָגט די ליד איצט אויף די פעלדער, ס'וואַרטן פאָלקס-געבענטשטע העלדן,
ווי אויף בריוו פון די געליבטע, ווי אויף ווײַטן גרוס פון דר'היים.
זאָל זי הייס איצט ווי אַ טרער זײַן, ווי פרימאָרגעדיקער טוי ריין,
און ווי שפּיגלדיקער כאַלעפּ שאַרף זאָל זײַן איר יעדער קלאַנג,
אַז אין שלאַכט זאָל זי די ווערט זײַן צו באַזינגען די גיבוירים,
וואָס די וויכערדיקע קעפּ זייי גייען אָפּגעבן דעם לאַנד.

טראָגט זיך, ברויזנדיקע טײַכן, טראָגט זיך, שטראָמיקע, צו יאַמען,
מיט דעם ווייי און מיט דעם אומעט, אופגעזעגלטן באַם ראַנד.
אײַער רויש זאָל ניט פאַרשווינדן און אײַנערגעץ ניט פאַרזאַמען,
זאָל אין אים אויף ווײַט דערהערט זײַן דער גע־אַנגל פונעם לאַנד,
ווי געהערט אין אים אויף ווײַטן האָט דער שטאָלצער איבערשלום זיך
בײַ די שוועלן פונעם דניעפּער, בײַ די פעלדזן פונעם ברעג,
ווען דאָס ליכט האָט ער מיט כוואַליעס אויסגעזונגען אויף די שליוזן
און אין דרעמלדיקע סטעפּעס ברויז און בלײַונג אופגעוועקט.

ס׳טרעט אפּ דעם אַצינד דער סוינע. יעדער קוואַל איז ער מעטאמע,
איז געזעגנט זיך מיט פלוס-בעט און מיט ברעגן זיך צעשיידט;
טראָגט זיך, ברויזנדיקע טײַכן, רופט די טרײַע זין צוזאמען,
זאָל אַצינד בא יעדן איינעם זײַן די שווערד אַנטבלויזט פון שייד.
יעדער שטראָם א גרוס פון דר׳היים איצט — אופגעוויכערט און באפליגלט,—
שעפּט ארײַן אין זיך דעם הימל פון די היימען ביז צו זעט,
אויב א קריגער אײַך באשערט איז אפּ די כוואַליעס צו פארוויגן,
זאָלן היימלענדישע שטערן אים צוקאָפּנס זײַן געבעט!

לאָזט אפּ שטורעם זיך פאנאנדער, טויזנט-וויאָרסטנדיקע יארן,
רופט ארויס פון זיך די שאָטנס און צעשטעלט זיי אפּן וועג,
מיט געמורמל פון די בלעטער מאכט א פּאָטערלעכע ווארע
די, וואָס לאָזן אפּ נעקאָמע קעגן סוינע זיך אוועק!
קרוינען הויך אין זון זיך שמעלצן — פייגל גינגאָלדענע סטײַעס,
וועלדער רוסישע, פארקישעפט מיטן גאָלדן מויל פון פאָלק,
זײַט פאר די נעקאָמע-נעמער, זײַט א היים זיי א געטרײַע
און באמיט זיך און באהיט זיי פונעם לויערדיקן וואָלף.
ס׳האָט דאָס לאנד אפּ הוילע ווונדער, ווונדער-וועלדער, זיי פארטרויט
אײַך —
אי מיט שטערן אפּ פאפאכע, אי מיט ליענטע אפּ דער הוט!..
זאָל זיך יעדער גראָז פארוואנדלען אין א יאגעדע א רויטע
און פארזעטיקן מיט בלוט זיי, אויב ס׳וועט אָפּגיין ווער מיט בלוט.
טויזנט-יאָרעדיקע שטאמען! גראָבט א קייווער פאר די מערדער!
שפּרייט די שאָטנס אויס ווי נעצן — ווו א בערגל, ווו א טאָל:
ס׳גייט דער פרעמדלענדער דער סוינע און מיט בלוט צעשווענקט די
ערד ער,
א פארוויקלטער אין אײַזן, א געפאנצערטער אין שטאָל! —

אויסמושטרירט פון דער פארדארבונג, רײַסט מען ווילד פון לאנד צו
לאנד זיך
דורך געוויין און דורך כורבוינעס און דורך סרייפעס און דורך נעכט —
אפּ געגאנוועטע ריסאקעס און מיט אָפּגערויבטע פאנצערס
און אפּ רײַטוואָגנס, געשפּאנטע מיט געפאנגענע און קנעכט.
עס באגעגענען זיי זשאבעס און א הינט-געביל באגלייט זיי,
מיט דער פּינקטלעכקײַט פון גוילעמס קומען אלע אין באוועג,
הוילע שארבנס אפּ די פאָנען, פולע רויב-זעק אפּ די פּלייצעס
און די פינצטערניש פון קוואָרים עפנט אופּ פאר זיי דעם וועג.

די „האזשגאָכע” האָט געגעבנ אינ די הענט זיי העק, ווי העקער,
די „האזשגאָכע” האָט באוויזנ זיי בא יעטווידנ דעמ האלדז:
— דאָס וועט זײַנ אצינד פונ דײַטשלאנד דער בארופ אונ די אנט-
פלעקונג,
איבער לענדער, איבער פעלקער — רויבלאנד, מאָרדלאנד, איבער אלצ!
— הײַל דעמ דריטנ רײַכ פונ הענקער, ווו אפ מאָרד געזאלבט די
מי איז,
די נעשאָמעס פאר די העק בא אימ פארמאשקנט אונ פארטרויט, —
קאוואלערנ פונ בעסאלמענדיקע ציילעמס אונ פונ טליִעס,
קאוואלערנ פונעמ אָרדענ, וואָס ס׳בארט מיט אימ דער טויט!

ס׳טראָגט זיי רויבערישער פיבער מיט געהיק אונ מיט גערוישנ,
איבער שטעט אונ איבער וועגנ טראָגט דער גיר זיי אונ די שווערד.
זיבנ יאָר מיט גרינע גיפטנ, זיבנ יאָר מיט ברוינעמ כוישעכ
האָט דער בלוט-גאָלדענער אָפּגאָט זיי געכאָוועט אונ גענערט.
אופגעקליבנ זיי פונ רינשטאָקס אונ מיט זיי א בונד פארשניטנ
אונ פונ גזיילע זיי געגעבנ צו באוווּנדערנ דעמ טאמ:
— ס׳איז געשמאק? — געלאכט דער אָפּגאָט האָט צו רינשטאָקדיקע ריטער,
מאכ זיכ גרייט אינ וועג, גערמאניע! גאָר ניט זײַנ וועט דיר קיינ צאמ!
ער האָט זיכ צו איר באוויזנ: — דו פארקויפסט מיר דײַנ נעשאָמע,
כ׳שמעלצ דיכ איבער אונ פארוואנדל נ׳א געפאנצערטער מאשינ —
אונ פאר דיר קיינ שטער אונ אָפּהאלט איז אינערגעצ שוינ ניִשטאָ מער,
ס׳עפנט אופ זיכ יעדער וועג דיר: — גיי, פארדארב, אונ מאָרד, אונ שינד!
פונ געפילנ שליס איכ אויס דיכ, דאָס געוויסנ דיר פארטויב איכ.
איכ פארכאסמע דאָס געהער דיר. כ׳טו דאָס ליכט אָפּ פונ דײַנ בליק,
אונ דיר אָפּקאָוועג די טריט וועל איכ מיט שלענגלדיקע רויפנ.
אָט אזוי וועסטו באפאלנ! אָט אזוי פאנג אָנ די קריג!

אײַנגעווייד פונ בערג אונ שאכטעס, שטעט מיט גאָלד אונ פי מיט
פיטער
אונ פונ פײַער א געוויטער — טאָג אונ נאכט — וועג אײַנ, וועג אויס;
לאָז זיכ אומעטומ איצט וויל גיינ! דיר — טראָפּייענ, מ׳יר — פראָפּיטנ —
ברויט אונ ארצ אונ נאפט אונ קוילנ. איכ באפעל, אונ דו פילסט אויס!
ס׳קאָנ דער בלוט-גאָלדענער אָפּגאָט זיכ פארשאפנ א מעדינע
אונ זיכ אָפּקויפנ אנ אייגענעמ, א רויבערישנ רײַכ,
אז עס זאָל א פאָלק א הענקער אימ געטרײַ אונ הייליק דינענ,

די באפעלן, ווי א גוילעם, זײַנע אויספילן אים גלײַך.
אופגעזאמלט שלאק און אָפּפאַל — וואָס פארדאָרבענער, וואָס מער דאָרט,
זיי א צונאָמענ געגעבנ מיט פאראדנ ווי ס׳געהער —
און בא שײַטערס זיי געזאלבט דאָרט פאר אנ אויבער־פאָלק — א מערדער
און באוויזנ זיי די קרוינשטול די געגארטע פונ דער ערד.
איז אפ רויב זיך אופגעהויבנ און געלאָזט זיך אפ האריגע,
אײַנגעהילט אינ שטאָל און אײַזנ — אי דעם פאכעד, אי — די פעל;
מע באלאגערט שטעט און דערפער מיט געהויל און מיט געהיקע:
— הײַל דעם היישעריק אינ קאסקעס! הײַל די שלענג אינ גאליפע!

ס׳דריטע רײַך — אפ א שפאציר־גאנג דורכ בעסאלמענדיקע מײַלנ,
ס׳דריטע רײַך — אפ א פארווײַלונג איבער כ׳רוועס פראנק און פרײַ!
אפ די קעפּ די פלאכע קאסקעס, און געזיכטנ — הוילע מײַלער,
אָנגעבלוטיקטע מיט כווישעכ און מיט איי־ווער־מינ־האכײַ.
גאנצע דערפער אינ די רויב־זעק, גענדז און קאטשקעס אינעם בוזעם,
פריידיקס פעטע פונ כאזיירים אפ די אקסל, פונקט ווי שווערד,
און א יונגע פארטיזאנקע פונ די וועלדער — אָנ באוווסטזײַנ
פאר די האָר דאָרט צוגעבונדנ צו א ווײדל פונ א פערד.
אויסשטודירט געטרײַ און פלײַסיק — אי געמאָסטנ, אי געוויגנ —
ביז צו פּינקטלעכקײַט פונ מײַסטערס האָט מיט זיי אליינ דער טויט
ווי צו אופהאקנ א שארבנ, ווי צו אויסשטעכנ די אויגנ,
ווי צו אויסברענענ א שטערנ אפ דער לעבעדיקער הויט,
און אים אָפּשטעמפּלענ מיט טריוואקס און באצייכנענ: — מעיד אינ דזשערמענ,
און די דאטע, און א פּאָטאָ, נ׳א סאכאקלדיקנ שטרײַכ —
וויפל האָט מענ שוינ דערשלונגענ — ס׳גייט א ביסל לאנג און שווער נאָר, —
— הײַל דער אָרדענונג פונ הענקער! הײַל דעם קאַט — דעמ דריטנ רײַכ!

אש פונ שטעט און בראָכ פונ דערפער — גייט מענ איבער ערד דערשטיקטער,
נאָר עס לייגט פונ זיי קיינ שאָטנ זיך איבערגעצ ניט אוועק:
— איז דאָס עפּעס ניט קיינ סימענ? — ס׳שרעקט זיך יעדערער א בליק טאָנ,
און אינ בלוטיקער הוליאשטשענע דערטרינקענ זיי די שרעק.

א וואָראָזשקע זאָל פונ ערגעצ אונטערוועגס צו זיי א גיי טאָנ,
וואָלטנ זיי מיט גאָלד באקליידט זי אונ געשענקט איר א פארמעג, —
אז עס זאָל די מעכאשייפע די געהיימניש זיי באשיידנ,
ווו די שאָטנס זײַנענ זייערע פארשווונדנ אונטערוועג.
— א וואָראָזשקע אפ באשיידנ די געהיימענישנ — ביטע!
אפ די וועגג — אומעטום — פונ טויזנט־יאָריקנ פארזיי —
שטייענ גאָלד־געקרוינטע דעמבעס ווי די אלטע וואָראָזשביטנ.
— צוימט די פערד! אראָפּ די פאנצערס! פרעגט פאנאנדער זיכ בא זיי!
זיי דעמ טרויעריקנ סימענ וועלנ פינקטלעכ אײַכ דערציילנ —
קאָרטנ גאָלדענע פונ בלעטער אײַכ צעלייגנ אפ דער ערד,
קאוואלערנ פונ די רויב־זעק אונ בעסאלמענדיקע ציילעמס,
קאוואלערנ פונעמ אָרדענ, וואָס דער טויט מיט אימ באערט!

רוישנ דעמבעס אינ די הייכנ — איבערצײַטיקע אונ טריבע,
אפ דעמ דורכפלוס פונ די ווינטנ קוימ זיי גיבנ זיכ א ריר:
— ווער ס'האַקט אויס פונ גיר א פרוכט־בוימ, פרעסט זיכ איינמאָל
מיט אימ איבער,
אונ ער פאלט אליינ אנידער — אונטערבראָכנ פונ זײַנ גיר!
רויק שפרייטנ זיכ די קרוינענ קעגנ ווינט אונ קעגנ האָגל,
זאפטנ ברויזנ אינ די שטאמענ פונ די טיפנ ביז ארופ:
— ס'ש'עפט די שפינ אפ פײַנ איר קאָרבנ, ווײַל פונ שרעק איז זי
געשלאָגנ,
ווײַל קיינ וואָרצלענ האָט איר שפינוועבס אונ זי האלט זיכ אפ דער לופט.
פונ די קעלטנ ניט געפאנצערט, פונ קיינ זונ־שלאָג ניט פארטײַעט,
אויסגעשטרעקט זײַנענ די צווײַגנ, ווי באוואקסנ־גרינע הענט:
— ווער עס ווייסט קיינ אונטערשייד ניט צווישנ גאָלד אונ צווישנ פײַער,
גייט זיכ אויסצירנ אינ צירונג אונ ער ווערט אינ דעמ פארברענט!
מיט פארטײַעטנ געמורמל יעדער בלאט איז אָנגעצויגנ
אונ ווי קאָרטנ יעדער ווײַל גיט זיכ אנ אנדערע א לייג:
— דעמ באהערשטנ פונ שיגאָענ קערנ איבער זיכ די אויגנ,
אונ ער זעט ניט — ניט זײַנ שאָטנ, אונ ער זעט ניט זיכ אליינ!

פעלדער בליִענ פונדאָסנײַ שוינ. ס'זײַנענ גערטנער ווידער גרינ שוינ,
נאָר דעמ בלי, ווי אײַער שאָטנ, זענ איז מער אײַכ ניט באשערט...
ס'שטייט אײַכ פאָר א ווײַטע רײַזע פונדאָסנײַ צוריק אינ רינשטאָק,

אָן די קאסקעס, אָן די פאנצערס, ווי געשפּענסטער פון די נעכט!
אײַנגעבויגענע אינדרײַען — פון טראנשייען צו טראנשייען,
אין די קייווערדיקע בוזעמס — א נעווײלעדיקער ביין, —
און פארוויקלטע אין טראָלדן — איבער זומפּן, איבער שנייען,
אויסגעבעטע מיט פּעגאָרים, וועט איר גיין און גיין און גיין...
ס'וועלן פעלד און טאָל זיך ברעכן פון געבערג אײַערע שארבנס,
און די זומפּן וועלן אויסשפּײַען צוריק אײַער געביין.
גוט די ערד איז צו א פרײַנט נאָר, צו א פײַנט — זי גרויזאַם הארב איז.
איבער איר צעגליטן צאָרן וועט איר גיין און גיין און גיין
פון דער רינשטאָקדיקער קרויזנשטול ביזן קרויזנשטולדיקן רינשטאָק
דעם צוריקוועגס — אונטער שטורעם, אונטער בײַטשן אף די קני!
נאָר אין אש זײַנען די וועגן און מיט בלוט אדורכגעמישט דאָרט,
איר וועט גיין און גיין און גיין און ניט דערגיין שוין אויך אהין!

א פארלאָזטע און א וויכטע, ווי אן אָפּגעברענטער דאָרן, —
אן אלמאָנע — אײַער היימלאנד — וועט פון אש ניט אופשטיין מער;
און די נאכט וועט זי פארשעלטן, ווען פארקניפּט איר זײַט געוואָרן,
און פארשעלטן זי דעם טאָג וועט, וואָס געבראכט האָט אײַך דער
ערד, —
זי — אין איינזאמקײַט פארבראָכן, זי — די מאמע פון די מערדער,
וואָס באגלייט און האָט געבענטשט אײַך מיט דער פינצטערניש פון
נאכט, —
זי פארשעלטן וועט דאָס ברויט, וואָס האָט אף אומגליק ווען גענערט אײַך,
זי פארשעלטן וועט דאָס ליכט, וואָס האָט די אויגן אײַך צעשפּארט.
אומגעוואלגערט אין צעפּרעסן און פארהריזנעדיק אין טונקל,
וואָס פארציט זיך איבער קוואָרים, וואָס גייט קיינמאָל ניט פארבײַ,
וועט זי פוילן אף די כורוועס, אין צעראאס אײַנגעטונקען,
און צעקראצן מיט די שארבנס זיך מיט אײַערע דאָס לײַב!
ס'וועלן שאָטנס בלויז פון מזרעך קומען טרייסטן זי, ווי ראָבן,
און זי דאָרט, ווי א מעצוירערן, פארצוימען מיט א פלויט;
אויב איר וויינען וועט זיך וועלן, איז קיין טרער וועט זי ניט האָבן,
אויב דעם טויט וועט זי פארלאנגען, איז ניט קומען וועט דער טויט!

נעמט דעם גאָלעס אף זיך, פייגל, און געזעגנט זיך מיט נעסטן,
נעמט פאר ליב דעם קלינג פון שווערדן, נאָכן רוף פון גוירל — פּאָלגט!

אינ געשלעגנ אונ אינ געווירע אפ דעם שלאכטפעלד זיכ פארמעסטנ
קעגנ הענקער אונ פארדארבער איז ארויסגעגאנ דאָס פאָלק.
שארפער איז פונ שווערד זײַנ עמעס, פונ די שטערנ איז ער העכער,
שטארקער פונ די בע״ג זײַנ גײַכט איז אונ איז פרײַער פונעם יאמ.
דער געוויטער וועט אימ וויגנ, נאָר ער וועט אימ ניט צעברעכנ
אונ אינ שטורעמ אונ אינ פײַער זיכ ניט וואקלענ וועט זײַנ שטאמ.
אפ בארוישנדיקע ווונדער האָט זײַנ פרײַהײַט זיכ צעהעלט דאָ,
אינ דער שווערד לויכט איצט זײַנ עמעס, ס'איז זײַנ גײַסט — געשליפנ, ריינ,
טראָגט זשע, פייגל, אײַער ליד אימ, ס'ווארטנ זינ אונ טעכטער — העלדנ,
ווי אפ בריוו פונ די געליבטע, ווי אפ ווײַטנ גרוס פונ דר'היימ;
זאָל זי הייס איצט ווי א טרער זײַנ, ווי פרימאָרגעדיקער טוי ריינ,
אונ ווי שפיגלדיקער כאלעפ שארפ זאָל זײַנ איר יעדער קלאנג,
אז אינ שלאכט זאָל זי די ווערט זײַנ צו באזינגענ די גיבוירימ,
וואָס די וויכערדיקע קעפ זיי גייענ אָפגעבנ דעם לאנד!

לענינגראַד

פאַר בליק פון צײַט ווי אַ גראַווירטער בוך צעעפנט,
שטייסטו אַ גרויזאַמער אין אויפבליץ פון געדאַנק —
ווי ס'איז בײַ דײַן געבורט געשטאַנען דײַן באַשעפער
פאַרזונקען אין מאַכשאָוועס גרויסע און אין דראַנג.

דו שטייסט באַפּעלעריש בײַם יאַם צוקאָפּנס,
און מיט געשלײַפטע העלדזער פון געווער קוקסטו אין ווײַט זיך אײַן,
אַז דורך דעם אויפגעשפּאַרטן פענצטער אין אייראָפּע
ניט אויפהערן צו שטראָמען זאָל פון מיזרעך ליכט און שײַן.

און שטאָלץ און קראַפט, ווי רעגנבויגנס בונטע,
מיט פרידן און גערעכטיקײַט געפּאַנצערט און באַוואַכט,
וואָס טראָגן אין דער וועלט זיך שוין אַ פערטל פון יאָרהונדערט,
ווי ס'טראָגן זיך אין יאַם די כוואַליעס פון ניעוואַ!

דו שטייסט אַ גרויזאַמער, אַ שטאַלטנער און אַ גראַדער.
געפּאַר פאַרוואָרפט אַף דיר איצט ווי אַ שלייף זיך רונד אַרום;
נאָר דו געפּאַנצערט ביסט מיט אייגענע באַגינענס, לענינגראַדער,
און מיט געוואַג און שטאָלץ פון אומשטערבלעכן רום.

אַ יעדער שטיק גראַניט וועט פונעם גרונטפעסט זיך אַ ריס טאָן,
אַ יעדער טאָרץ זיך אויפהייבן פאַר באַריקאַדן וועט אַליין —
עס זײַנען צו דער טליִע דורכגעגאַנגען דורך זיי די דעקאַבריסטן,
און מיט נעדאָרים האָט זיי יעדער אינדערשטיל באַגלייט.

איצט גיבן בײַ דײַן שוועל זייערע אָפּשטאַמען אַ וועט זיך,
און מײַסטערס צו דער ביקס זיך שטעלן גרויזאַם אַף דער וואַך —

ניט פאר דער קייט פון קאט זיך האָבן דײַנע שטאלטנע פלעצער
מיט בלוט פון פֿאָלק פאַרפּלייצט אין נײַנטן טאָג יאַנוואַר.

ס'וועט קיינער ניט דעם קופּערנעם דעם שטאָלצן רײַטער
אַרונטערוואַרפן פון זײַן אויפגעוויכערט פערד —
זײַן רום און קראַפט איז אין יאָרהונדערטן געלײַטערט,
קיין ראָסט האָט ניט געלייגט זיך אויף זײַן שטאָלצער שווערד.

עס וועט דעם אופגעשפּאַרטן פענצטער קיינער ניט פאַרגראַטען,
ניט דורכרײַסן וועט קיינמאָל זיך דורך אים די נאַכט צוריק;
באַוואַכט דו ביסט מיט שטערן אייגענע מיט לענינגראַדער, —
די בכוירע און דער שטאָלץ פון בירגערלעכן קריג!

דער יאַם זיך שטרעקט צו דיר מיט זײַנע אומענדלעכע מאָסן
און ענטפערט פײַערלעך דיר איבער פאַר דעם פײַנט זײַן טיף;
פונסנײַ דערקלערן דיך אין שלאַכט די באַלטישע מאַטראָסן
מיט ליענטעס קוילן אויף דער ברוסט, ווי ברענענדיקער שריפט!

עס פֿאָכען איבער דיר זיך דײַנע אייגענע קאַיאָרן,
זיי פלאַטערן אַצינד ווי פאָנען בײַס אַ שוווּע אויפן פעלד;
אויף דוירעסלאַנג געמאָלדן האָבן זאַלפן פון „אַווראָרע",
אַז ניט פאַרשמוצט פון פײַנט וועט זײַן פון לענינס שטאָט די שוועל!

פאַרטונקלט באַ די נעכט איז איצט דײַן ווײַטער בליק,
נאָר שטערן, וויגנדיק זיך איבער דיר, ווי שטענדיק ברענען;
דו שטייסט אַ גרויזאַמער באַם ראַנד ווי דער געשטאָלטער בראָנעוויק,
פון וועלכן זיך אַנטפּלעקט עס האָט פאַר דיר וולאַדימיר לענין!

עס האָט אַ ווײַסער גענעראַל אַ שלייף צו דיר געצויגן.
געזען האָט ער פון ווײַט דיך אין בינאָקל בלויז;
און אויסגעשטאָכן האָט די זעונג זײַנע אויגן,
דער קייווער האָט זיי אים פאַרשלאָסן אין זײַן שוואַרצן שויס.

איצט רײַסט פון ברוינער פעל צו דיר זיך אַ פעלדפעבעל.
מיט קייטן קלינגט ער ווי מיט גלעקער אין געשלעג;
ער וועט דיך אויך דורך אַ בינאָקל זען אין נעבל,
און דאָס וועט זײַן די לעצטע זעונג אויף זײַן וועג!

——— ★✦★ ———

קיִעוו

דו שטייסט — אַן אוו׳אַלטער מעכאַשעפֿ אין דער הייך,
מיט שווערד געשליפֿע:ער פֿון דניעפּער בײַ דײַן גאַרטל;
דײַן רוף דײַן שלאַכטיקער אויף שטרעקעס ווײַט דערגרייכט.
אויף אים פֿאַרזאַמלען דײַנע זין זיך די געגאַרטע!

ס׳שטייט אַ געראַנגל איצט אַ גרויזאַמער דיר פֿאָר.
דער פֿײַנט וויל מיט דײַן ערד דיך מיט דײַן הייליקער צעשיידן;
ניט פֿון די ביינער טראָגט זיך אום פֿאַר דיר אַ ווינטיקער געפּאָך —
דאָס נעמען דײַנע זין אַרויס די שווערדן פֿון די שיידן!

צו גרויען קאָפּ דײַנעם די זון גיט זיך אַ צי,
דאָס גאָלד פֿון האַרבסט זיך לייגט אויף דײַנע אַקסל;
און דרײַ מאָל שיין און דרײַ מאָל שטאָלץ ביסטו אַצינד,
מיט טרויער האַרבסטיקן מיט גאָלדענעם באַוואַקסן!

די ברענענדיקע דערפֿער וואַרגן זיך מיט רויך,
נאָר מיט נעקאָמע און מיט צאָרן פֿעלדער דײַנע יורן;
עס רײַסן זיך די קופּאָלן פֿון קלויסטערס אין דער הויך,
זיי זעען איצט ווי העלמען אויס פֿון אוראַלטע גיבורים.

אַ ניידער — איבער דיר! אַ יעדער שטיין זיך שווערט
בײַ דײַן געשטאָלטן ראַנד, פֿאַרשטעלטן אין אַ לאַגער:
ס׳וועט מיט דעם נאָמען קיינמאָל ניט דערמאָנט ווערן די שווערד,
וואָס וועט באַטרעטן לאָזן זיך פֿון בלוטיקע וואָריאַגן!

בײַ ליכט פֿון שטערן, איבער פֿעסטונגען פֿון ראַנד
באַטרינקען פֿאַרן שלאַכט מיט דעם קאָבזאַר זיך דײַנע זין איצט;
און שווערן בײַ דעם גרעסטן זינגער פֿונעם לאַנד,
אַז קיינער וועט ניט אײַנבייגן דעם קאָפּ פֿון אוקראַיִנע!

עס ליגט אַ טייל פֿון לײַב דײַנעם פֿאַרשוועכט,
מיט נעגל רײַסט דער פֿײַנט דײַנע פֿאַרזייטע סטעפּעס;
אַ קרייצונג שטייט אים פֿאָר! אַ קרייצונג מיט דער שווערד
אין די פֿאַרשלינגענדיקע טיפֿן פֿונעם דניעפּער!

ביסט צו ניסאָיען גרייט. די ערד זיך וועקט פֿון קנאַל.
דער צאָרן פֿונעם פֿאָלק בײַ דײַנע שוועלן ברענט שוין:

פונוויַיטנ ווענדט דעמ בליק צו דיר דער ארסענאל,
זאָלסט אימ אפ שלאכטנ גרויזאמע אפ אומשטערבלעכע בענטשנ!

פארטיַיעט ליגט אינ הארבסט דיַינ טרויעריקע פראכט.
די שטערנ מעלדנ עפעס איינס דעמ אנדערנ מיט ווונקענ.
דער, וואָס האָט טרערנ אינ געזאנג דיַינעמ געבראכט,
וועט זיכ אינ בלוט אינ אייגענעמ דערטרינקענ!

דורכ טויערנ צעבראָכענע, דורכ ברענענדיקער טיר,
מיט ווינטנ פונעמ דניעפער, גרויזאמע אונ צארטע,
קומענ קאָבזארנ בלינדע אויסשפילנ אפ דיר
די ליד די רומפולע פונ זאפאָראָזשיער שלאכטנ.

א יעדעס בערגעלע מיט פינגער צערטלענ וועלנ זיי
אונ איבערציִענ יעדער גאס מיט שטראלנ פונ באגינענ,
א שפיל געבנ: — די, וואָס מיט בליַי האָבנ געטראָטנ דיַינ פארזיי,
וועלנ א קייווער בא דער שוועל דיַינער געפינענ!

צו גרויענ קאָפּ דיַינעמ די צוקונפט לייגט זיכ צו,
דאָס גאָלד פונ הארבסט זיכ לייגט אפ דיַינע שולטער;
אונ דריַי מאָל שטאָלצ אונ דריַי מאָל שיינ אצינד ביסטו,
ווענ גייסט אינ שלאכט ארויס מיט מוט אנ איבערפולטער!

———— ★✦★ ————

אָדעס

דער הארבסט פלעכט זיבנ לאָקנ גאָלדענע דיר איַינ
אונ גיסט דיר זאפטנ אָנ מיט קישעפ אינ די לענדנ, —
דיַינ איינס-אפ-איינס דיַינ שטאָלצער מיט דעמ פּיַינט
ווערט פאָרגעזעצט — באגיַיסטערנד אונ בלענדיק!

דאָס איז אומשטערבלעכקיַיט. איר פיַיערלעכע שוועל
טרעט זי, באלאגערטע, אריבער מונטער אונ געליַיטערט!
קאנאָנענ גרויזאמע דיקטירנ דעמ באפעל
אונ קריצנ איַינ אימ אינ דער טיפ פונ אלע ציַיטנ.

דיינ בויגנ — שטיַיפ. די פּיַילנ — שארפ.
דער פּיַינט א שלייפ אפ דיר א שטאָלענעמ פארווארפט דאָרט;
אונ ס'שווימט א זעגל-שיפ צומ האפנ ווי א הארפ,
זאָלסט אפ איר אויסשפילנ דיַינ נאָבעלע געוואגטקיַיט

דו וועסט באוויַיזן אַלץ: — צו שלאַכט און צו געזאַנג
דעם פּאָלגעוודיקן ווינט אין אויסשפּיר אויסצוריכטן;
אין יאַרוסן האָט זיך דײַן ברעג פּאַנאַנדערוואָרפן בלאַנק,
פון אויבן — אַ קאַנאָן און נעבן אים — דער דיכטער.

זיי שטייען איינס לעם אַנדערן באַם יאַם,
אין וויַיט געוועגדט, פאַר שטורעם-ווינטן — אָפן;
עס צינדט דאָס וואָרט די הערצער מיט אַ פלאַם
און טראָגט ווי אַ נעווויע זיך פון דאָרעם ביז דעם צאָפן:

— ס׳וועט רוסלאַנד הערשן איבער יאַמען פריַי,
און קיינער וועט זיַין סקיפּן-קויעך ניט פאַרשקלאַפן.
אָדעס! צו שיפן וואָגלענדע זיך שטרעקן וועט געטריַי
מיט פיַיערן פון טרייסט דײַן מוטערלעכער האַפן!

אין טיף פון יאַם דערטרונקענע ליגט דײַן אָל,
די וועגן צריק זיַינען פאַרשטעמפּלט פאַר זיַין אָנקום.
אין קאַראַול — פון אויפשטאַנדן דער שטערן-אָרעאָל,
און אויפן רעיד — ס׳געשפּענסט פון פאַנצער-שיף „פּאָטיאָמקין״.

אַ זיג-קראַנץ יעטווידער פון זיי דיר אָנטאָן דאַרף,
נאָר לאָרבן ווילן אַף דער זון זיך נאָך אַ באַק טאָן;
אָדעס! די זיבן לאָקן דײַנע גאָלדענע צעוואָרף,
דערצייל דעם פיַינט וועגן דײַן נאָבעלער געוואַגטקיַיט!

דערצייל וועגן דעם דנאָ פון שוואַרצן יאַם,
ווּ ס׳איז די וויַיסע פעסט געגוויט געוועגן אַראָפּגיין;
זי וועט געוויס אַ רוק טאָן זיך און מאַכן גראַם
פאַר געסט אַזעלכע כאָשעווע אין אָפּגרונט!

דערצייל געגוי, מיט קוילן און מיט שטאָל.
דערצייל דורך הייסע גאָרגלען פון האַרמאַטן,
ווי ס׳האָבן זי געיאָגט צום דנאָ פון באַרג און טאָל
מאַטראָסקעס יאַם-בלויע און יאַם-בלויע בושלאַטן.

דערצייל מיט פלאַם, מיט פיַיער און מיט בליַי.
די היץ לאָזט פון קיין בלעטל ניט אַראָפּ קיין שאָטן!
פאַרטיידיקן דײַן רוים און רום, אַנטבלויזט דאָס ליַיב
ווי אַפן פּליאַזש, זיַינען אַרויסגאַן דײַנע שטאָט-ליַיט

מיט טרוקן ברויט און וואסער און מוזיק.
דאָס לעבן אָפּגעבן פאר דיר וועט זיי ניט ווי טאָן;
נאָר צריקוועגס וועלן זיי דיר ברענגען זיג,
ווי א געליבטער ברענגט מען צום געבורטסטאָג קוויטן.

זיי וועלן אומקערן זיך צריק צו דיר, אנטבלויזט,
ווי ס׳קערן ביינען אום אין בינשטאָק זיך מיט האָניק,
דורך דיינע הונדערט פופציק ווייסע טרעפּ
וועלן זיי אופטראָגן דיין שטאָלץ אין רויטע פאָנען,

אין טרויער האָבן גערטנער אויסגעהיט די פּראכט,
פון יאַם געטראָגן האָבן ווינטלעך זיי דעם אָטעם;
דו זעסט? ווי אפ א ראוט גייט מיט מונטערקייט אין שלאכט
דיין אומבאזיגבארע שווארציאמיקע פעכאָטע!

עס יוקט בולוואר זיך איבער מיט בולוואר,
עפּעס מיט פייער מאכט דאָרט וויסט א שפּארבער;
נאָר ס׳קערט זיך אום פון שלאכט א זון דיינער — א גוואר
מיט צוויי און צוואנציק קעפּ פון די פּארדארבער.

עס בליען דיינע לאָקן דיינע גאָלדענע אין בלענד,
מיט זאפט באטרינקט דער הארבסט זיי שטיל פאר זיגן.
ניט צורירן צו זיי וועלן זיך קיינמאָל פרעמדע הענט,
און קיינמאָל וועט קיין פרעמדער שויס דיך ניט פארוויגן!

א טאָכטער פון פאָלק

1

אין יענער נאכט האָט זיך ניט צוגערירט קיין דרעמל
צו אירע אומעטיקע אויגן ביז באגין;
נאָר אופגעהויבן האָבן העכער זיך די ברעמען,
איר בליק זאָל פרײַער דורכדרינגען אהין,
וו ס׳האָט געלייגט זיך ווי אפ וואָגשאָלן דער גורל
אי פון איר היים, אי פון איר שטאָט, אי פון איר לאנד,
וואָס האָט צו בליונג יעדעס גרעזעלע באשווירן
און יעדעס זעמדעלע באשווירן צו פארשטאנד.

איבער איר יונגן אכצניאָרעדיקן שטערן
איז ווי אפ ערשטן שנײי אדורכגעגאנגען דער צאר
מיט הוילער שארפ פון רופנדיקע שטערן
און אים באצייכנט — ציטערדיק און צארט,
אז ס׳זאָל אדורכלויכטן דורך צײַטן און דורך דעמער
דער יונגער מוט דער שטאָלצער פון א דאָר;
אין יענער נאכט האָט זיך ניט צוגערירט קיין דרעמל
צו אירע אומעטיקע אויגן — ביז קאיאָר.

— אוועקגיין גיכער, ווו דאָס לאנד באגיסט מיט בלוט זיך,
באנאנד מיט די, וואָס זײַנען דאָרטן, איז איר אָרט:
— ווער איז מעכוייעוו פאר איר גיין און זי באשיצן?
און שטארבן ווער איז עס מעכוייעוו פאר איר דאָרט,
אז ס׳זאָל אפ איר דער שלייפ פון שאנד ניט זײַן פארצויגן
און זי זאָל קאָנען זיך פארפאנצערן ביז גאָר?
ניט צו פארשטעלן איר ס׳געפאר — איבער די אויגן
זײַנען קאשטאנעווע געפאלן אירע האָר.

דער פײַנט ז'געשטאַנען בא די טויערן פון מאָסקווע,
געריסן האָט ער מיט די נעגל שוין די שוועל,
אָפּ זיך די פּליִצער פונדערווײַטן שוין געמאָסטן.
די צײַט געגאַנגען איז פיבערדיק און שנעל;
געקוקט אין ד'רהייך האָבן די מויערן געטאָקטע,
איינס צו דעם אַנדערן זיך צוגעטוליעט נאָנט.
זעניטקעס האָבן אָפּן הימל ווי נ'א טאָג-בוך
פאַרקריצט די נאַכטישע יעדיעס פונעם פראָנט.

זיך א פאַרקעמ אַרופּ מיט פינגער מיט די דינע
האָט זי די אויפגעוויכערט-יינגלשע פריזור.
געגרייט אין וועג אַרײַן זי האָט זיך צו באַגינען,
נאָר אַלע ווײַלע עפּעס גיט זי נאָך א זוך:
די ערשטע צאַרטקײַט פון איר האַרץ וועט זײַן דעם היימלאַנד,
און דעם נאַגאַנ — די ערשטע וואַרעם פון איר ברוסט;
איר ערשטע ליבע איז געוואַקסן — א געהיימע,
עס קאָן דער טויט איר אויך זײַן א גענוס.

— ווי פירט מען אונטער א סאַכאַקל אָן א טאָעס
צו אַכצן יאָר, נאָך ניט צעשטעמפּלטע פאַר פײַן?
נאָר איצט איז צײַט! קיין אויסוואַל דאָ ניטאָ איז!
איז ניט געזאַמט און ניט געציילט — אַזוי זאָל זײַן!
עס האָט דער טרויער זיך געלייגט אָפּ איר פון רײַפן,
ער איז אַראָפּ אָפּ איר, דער טרויער, אומדערוואַרט —
זי וועט עס עפּשער מיטן סייכל ניט באַגרײַפן,
נאָר ניט פאַרפירן וועט אײַנערגעץ זי דאָס האַרץ.

פאַנאַנדערבלעטערט א באַגינ האָט זיך א שטילער,
אין נעפּל האַרבסטיקן געדעמפּט האָט זיך די ערד;
ניט מיט געטומל ערגעץ דורכגאַנ זײַנען שילער,
אין וואַלד געהיים איז מען געגאַנגען מיט געווער...
זי וואָלט אַן אָנדענק זיך פון שול אין וועג גענומען, —
ווער ווייסט צי זײַן אַמאָל זי וועט נאָך דאָרט א גאַסט?..
נאָר ס'קוקט א כאָרעווע די שול מיט פענצטער קרומע
פון א געצילטן דײַטשישן פוגאַס.

אין שויב געוווּנקען האָבן ביימער פון בולוואַרן,
ווי צו איר האַרץ זיי וואָלטן צוגעגאַנ אַליין —

געוועז איז ענלעך זייער אומרו צו געפאַרן,
און זייער רוישן — ענלעך צו געוויין.
— וואָס וועט איר זאָגן,ביימער, אין באַגינען?
עס פֿליען פייגל זיך פֿאַנאַנדער אין דער ווײַט
ניט אין די לענדער אין די וואַרעמע און גרינע
און ניט אַפֿ לאַנג. מע וועט זיך אומקערן באַצײַט.

זי האָט געוויילט און מיט די אויגן זיך געקלאַמערט
אין יעדער זאַך פֿון צימער אירן — גלאַט;
פֿון קעגנאיבער האָט געקוקט אַפֿ איר די מאַמע,
און פֿון איר טאָגבוך האָט געבלאַנקט צו איר אַ בלאַט;
צולעצט האָט זי דאָרט עפּעס נאָך פֿאַרשריבן, —
אַ יעדער וואָרט ווי אַ צוואָוע דורכגעטראַכט,
זי האָט פֿאַרענדיקט: — שטאַרבן! נאָר ניט קיין קוש אָן ליבע...
און נאָך אַ בלעטער און — אַפֿ שטענדיק אים פֿאַרמאַכט...

2

דער ערשטער שניי אין פֿעלד איז שוין געלעגן,
צו טײַכן צוגערירט האָט שטיל זיך שוין דער פֿראָסט,
נאָר מיטן וואַלד האָבן זיך פֿייגל ניט געזעגנט,
קיין נעסט אין טרויער ניט פֿאַרלאָזט.
באַנאַנד מיט ווינטן און מיט שנייען בלאַנקע
באַדאַרפֿט זיי האָבן אויסזינגען אַרום
דעם וועג דעם שטאָלצן פֿון אַ מאָסקווער פּאַרטיזאַנקע,
דעם וועג פֿון פּײַן, פֿון ליידן און פֿון רום.

אַפֿ ביימער איינזאַמע ט'די קעלט זיך שוין פֿאַרמאָסטן,
ווי אַפֿ פֿאַרבלאָנדזשעטע געפֿאַנגענע אין ווער,
נאָר בלעטער אָפּרײַסן זיי האָבן ניט געלאָזט זיך,
פֿאַר יעדער בלאַט — געמאָלדן אַ געשלעג.
מיט ערשטן שניי מיט זויבערן באַהאַנגענע
אינמיטן וועג פֿאַנאַנדערשטעלטע — וואַך
וועלן זיי אויסרוישן דער מאָסקווער פּאַרטיזאַנקע
אויב — וויי, אויב ערגעץ — אַ געפֿאַר.

נאָר ניט געפֿאַר ליגט טאַניען איצט אין זינען,
און ניט קיין שרעק פֿאַרשאַפֿט איר איצטער ווייי —
עס דריקט דאָס האַרץ איר, עס באַמרויקט דאָרט זי נאָר:
ווי זאָל זי געבן עס דער מאַמען צו פֿאַרשטיין,

ווי זאָל זי פֿראָסט דער מאַמען עס פֿאַרטײַטשן,
אַז ס'זאָל איר קלאָר ווערן אינגאַנצן מיטאַמאָל.
הינטער סאָקאָלניקי זי פֿלעג אין אָט דער צײַט שוין
מיט אירע כאַוועריטעס פֿון טרײַען קאָמסאָמאָל

אָפּ ערשטן שניי אוועקלאָזן צוגעסט זיך
און ווי אַ ווינט אַדורכפֿליִען דעם וואַלד,
אַן אויפֿגעוויכערטע דורך קלאַנגען פֿון אָרקעסטער,
וואָס האָט מיט פֿרייד מיט אַזאַ פּראָסטיקער געקנאַלט.
מיט ליכט באַגאָסענע געבלאַנקט האָבן די שנייען,
מיט שטערן בלענדיקע געפֿינקלט האָט די נאַכט,
געטראָגן האָבן קאָ־אַהאָדן זיך אין רייען,
נאָר ניט געלייגט האָט זיך די מאַמע און געוואַרט,

איר אַ גלאָז טיי אונטער אַ קישעלע געוואַרעמט
און צאַרט אַראָפּגעווישט דעם שניי פֿון אירע האָר.
זי וואָלט זי צוגעדריקט צו זיך און זי געאַרעמט
פֿאַר אַכצן גליקלעכע און זאָרגלאָזיקע יאָר,
פֿאַר זעלטן־ליכטיקן און אויסגעבעטן שניי דאָ,
נאָר טרוימען גאָלדענע, צעוואַקסענע אַ סאַך.
נאָר אַצט די צײַט איז מיט דער מאַמען זיך צעשיידן,
ווי מיט אַ מעסער זיך אַדורכגיין דורך איר האַרץ...

דער סוינע רײַסט אַ שטיק פֿון לאַנד שוין מיט די נעגל,
שוין איבער מאָסקווע זײַנען אויפֿגעהויבן העק;
איצטער אין וואַלד זי נאָך איר גורל וועט אוועקגיין,
צום לעצטן מאָל האָט זי די מוטער איצט געוועקט:
— ס'איז שווער צו קוקן, ווי קיין מאָסקווע, מאַמע,
רײַסט זיך דער קאַט זי מאַכן טיל און טעל,
און זיך דעם וועג ניט פּרוּוון אים פֿאַרצאַמען,
זיך מיטן לײַב ניט לייגן באַ דער שוועל...

און ניט געוואַרט, ס'זאָל די מוטער עפּעס פֿרעגן:
— אָט דאָס איז אַלץ. און גאָרניט, מאַמע, מער!
ווענסטו מיט טרויער דען פֿאַרשטערן מײַן אוועקגיין?
וועסטו מיך אָפּהאַלטן דען פּרוּוון מיט אַ טרער?
ווילסטו מיך זען דען אין די נעגל פֿון די מערדער?
ווילסטו מיך זען דען אַ פֿאַרפּײַניקטע אין יאָך?

און אויב אינגאנצן ז'ניט באשערט זיך זען אונדז מער דאָ,
וועט מיר געניג זײַן, מאמע, מײַנע אכצן יאָר!

געקוקט דורך טרערן האָט די מוטער ווי דורך נעבל,
און דאָרשטיק-הייס געטרונקען טאניע האָט דעם בליק:
— ניטאָ איז, מאמע, אָן א פאָטערלאנד קיין לעבן,
ניטאָ אָן שלאכטן פאר דעם לעבן איז קיין גליק...
אזויפיל פײַן, אזויפיל טרערן פון די שוועסטער,
וואָס אין די שאנד-הײַזער געטריבן ווערן זיי,
איז מיט א שווערד אין האנט ניט אומקומען דען בעסער?!
און ס'האָט די מוטער זי א קוש געגעבן: — גיי!

— פארבלײַב געזונט! מירן קיין מאָסקווע אים ניט לאָזן,
וואָס ס'זאָל ניט אויספאלן אין וועג אונדז און ווי שווער.
עס וועט געניג מיר זײַן צוקאָפּנס א בעריאָזע,
נאָר אפ דער אייגענער, דער פאָטערלעכער ערד! —
אין שנײ די קרוינשטאָט איז א שלאכטיקע געלעגן,
געשפרייט אפ ווײַט האָט זיך פון פײַן און רום דער וועג;
צום קרעמל שטאָלץ א קוק געטאָן האָט טאניע
זיך אין אָטריאד אין פארטיזאנישן אוועק.

3

געקומענע טאניע איז בײנאכט אין דער קאזארמע
און זיך געמאָלדן גלײַך צום קאָמאנדיר;
ס'האָט זי א שלאכטנדיקע שטרענגקײַט אומגערעמט,
ווי נאָר אן עפן זיך געגעבן האָט די טיר.
און דאָך א היימלעכקײַט אפ איר האָט אָנגעטאָן זיך
מיט אזא שלאָפלאָזיקער מונטערקײַט פון נעכט,
א ווײַל האָט אומרויִק דער בליק אירער געבלאָנדזשעט,
א ווײַל צעטומלט זי געשטאנען איז פארקלערט.

נאָר גלײַך א גיי געטאָן צו איר איז מען אנטקעגן,
און אזוי לײַכט איז איר געוואָרן מיטאמאָל.
ס'האָט זיך געראשט. מ'האָט זיך געגריסט און זיך געזעגנט,
אזויפיל הארצעדיקע פרײַנט פון קאָמסאָמאָל,
און א באגעגעניש א פריידיקע אזא מין,
ווי פון דער שול זי וואָלט אריבערגאנגען די שוועל, —

ניט בא דער ברעט זײַנען זײ, ברויזיקע, פאַרזאַמלט,
נאָר בא דער קאַרטע בא דער שלאַכטיקער פֿון פעלד.

מ׳האָט אין א רעיד זיך א באַנאַכטיקן געגרייט דאָ:
צי ניט פאַרזען עפּעס, צי אַלעס איז פאַראַן?
און מיט די פלאַקערדיקע אויגן האָט די איידע
זיך שוין געצויגן ווײַט איבער דעם ראַנד;
א יעדעס שטעגל זיך דערמאָנט אפן זיקאָרן,
— צי קיין געפאַר ערגעץ דאָרט לאָקערט ניט אזא.
געווען איז הייס אין דער קאַזאַרמע פֿון דעם צאָרן,
די אויגן גיבן זיך בא יעדן א צעגלי נאָך,
וואָס ס׳האָט אין האַרץ געברענט בא יעדן פאַרטיזאַן.

נאָר מ׳האָט קיין איבעריקס אין וואָרט זיך ניט פאַרגונען,
עז איז די צוגרייטונג געגאַנגען שוין צו ענד;
זיך ערגעץ אופהייבן אָט באַלד וועט א באַגינען
פון אָט די צאָרנדיק-נעקאָמעדיקע הענט,
וואָס וועט פאַרפלייצן מיט א פײַערדיקער כוואַליע
אַלץ, וווּ דער סוינע וועט זיך געבן נאָר א ריר...
און, ווי אן אייגענע, שוין טאַניע — צווישן אַלע,
צו איר געווענדעט האָט זיך שטיל דער קאָמאַנדיר:

— איר האָט קיין אַנגסט ניט? — ער געטאָן האָט זי א פרעג דאָרט.
— ניין! — האָט אן ענטפער אָפּגעהאַקט די רייד.
— באַנאַכט אין וואַלד איז אומהיימלעך און שרעקלעך.
— עס מאַכט ניט אויס. איך ווייס. כ׳בין גרייט!
איר בליק אף וועגן האָט געבלאָנדזשעט ערגעץ ווײַט שוין,
אין נעפּלען פראָסטיקע אין שנייִקע פאַרהילט;
— און אויב אַרײַנפאַלן איר וועט דאָרט צו די דײַטשן?
— כ׳וועל אויסהאַלטן! — געענטפערט האָט זי שטיל.

אין דר׳הייך געטראָגן ט׳זיך דער קלאַנג פֿון די קוראַנטן,
מיט אים געטיילט האָבן זיך ווינטן אין עפיר,
און מיט א שמייכל אויסגעשטרעקט די האַנט איר
ווי צו א טאָכטער האָט דער קאָמאַנדיר.
צום ערשטן מאָל האָט זי דעם טרוים אירן דערזען דאָ,
ווי ס׳טוט זיך לײַב-און-לעבן אף אים אָן, —
דעם צווייטן טאָג — מיט בליק אין ווײַט געווענדעט —
איז זי אַריבערגאַנגען צום סוינע דורכן פראָנט,

דורך וועגן לײַבלעכע, ווו ס'האָבן אירע זיידעס
אין שלאַכטן גרויזאַמע געגרונטפעסטיקט דאָס לאַנד
מיט ביינער אייגענע אַף שטרעקעס ווײַט פאַרוויטע, —
האָט זי — אַן אָפּשטאַם זייערער — געשפּאַנט,
ניט מיט קיין קלינגענדיקע לאַטעס פון אַ פּאַנצער,
ניט מיט קיין ראַש פון אײַזן און פון שטאָל,
נאָר גײַסט, געלײַטערט פון אַ דאָר אַ גאַנצן,
און אַפן האַרצן - דער בילעט פון קאָמסאָמאָל.

איבער די אויערן — אַ הוט פון אַ צעגייקע,
און אַ פּאָר פּליודערן מיט וואַט אונטערגענייט, —
ביז אין די קני די האַרטע וואָליקעס זיך וויקן
אין ערשט-געפאַלענעם, אין ניט-גערירטן שניי.
דער ראַנד געשליפן ווי אַ שווערד איז ווי אַ בלאַנקע,
מיט שניי די ווײַט אַן אויפגעוויגטע שײַנט —
עס גייט אַ רוסישע, אַ יונגע פּאַרטיזאַנקע
דאָס לאַנד פאַרטיידיקן מיט לײַב אירס פונעם פײַנט.

דער וואַלד איז אומעטום אַ פּאָטערלעכע היים איר,
עס גיסן שלאָפלאָזיקע נעכט זי אָן מיט מוט.
באַנאַכט צעגייט מען זיך אַף אויפגעגאַבן געהיימע,
באַטאָג בײַ שײַטערס זיך מע וואַרעמט און מע רוט,
ווער צו אַ סאָסנע-בוים זיך צוגעטוליעט מונטער,
ווער אַפן שניי אַ מידער זיך פאַרטײַט.
און די סאַכאַקלען פירט מען שלאַכטיקע דאָרט אונטער
פון דער פאַרגאַנגענער, דער אומרויִקער צײַט.

4

ניט אין קיין טאַבאָרן און ניט אין קיין שאַלאַשן
פון וואַלד צו וואַלד די פּאַרטיזאַנער וואַנדלען אום,
מיט לידער גרויזאַמע און וויִנטיקע געראַשן,
געבענטשט פון פאָלק מיט אומפאַרוועלקנדיקן רום,
זיי דרינגען דורך ווו אַ שפּאַרונע, ווו אַ נאָרע, —
בײַ יעדן שטעגעלע — אַן אָנגעלייגטער גאַסט;
און ווי דעם פײַנט, וואָס האָט פאַרזוכט פון זייער צאָרן,
און ווי דעם פײַנט, וואָס האָט פאַרזוכט פון זייער האַס!

מיט ווײַב און קינד האָט זיך א יעדערער געזעגנט,
זיך שטיל צעקושט מיט דער פארשוועכטער שוועל, —
און זיך דעם פאָטערלאנד געשווירן בא די וועגן:
— נעקאָמע אויסקריצן דעם סוינע אפ דער פעל!
ווי נאָר אדורכטרעטן מיט רויב ער וועט די ערד דאָ,
זאָל אים צום ראַנד פון קיווער טרײַבן זײַן געלאָפּ.
אויב ערגעץ אָפּרוען זיך לייגן וועט דער מערדער,
זאָל ער שוין קיינמאָל זיך ניט אופכאפּן פון שלאָף.

אויב ער נאָך וואסער וועט זיך לאָזן צו א ברונעם,
זאָל ער אפריער נאָך דערשטיקט ווערן פון היץ,
אז אונטערברעכן זאָל אפריער אים דער דונער,
איידער א בלענד טאָן פאר די אויגן וועט דער בליץ.
אויב ער נאָך ברויט וועט זיך א לאָז טאָן צו די שײַערס,
זאָלן די הענט זיך אים פארגראָבן אין דער ערד.
פון יעדער שוועל זאָל אים באגעגענען א פײַער,
פון יעדער זאנג זאָל אפ אים ווארפן זיך א שווערד!

אויב צו א בוים זיך נאָך א שאָטן ווענדן וועט ער,
ווען ס'וועט אן אָפּגרונט אים דער בראנד טאָן א צעשפּאר,
זאָל גרינער גיפט אים ווארטן אפ די בלעטער
און אויסגעשפּירט זאָל זײַן זײַן יעדער שפּאן.
אויב א פאריאָגטער ער אין דר'היים וועט זיך דערמאנען,
זאָלן פארשליסן זיך די וועגן אים צוריק.
און ווי א קלאָלע זאָל זײַן לאַנד אים זײַן — „גערמאניע",
מיט לעצטן אָטעם ער פארשעלטן זאָל דעם קריג!

אויב אין די פּרעסט וועט אים א פּײַערל א ווונק טאָן,
זאָלן די וויוגעס אים אראָפּפירן פון וועג, —
אז אומפארמײַדלעך זײַן זאָל אים דער אומקום
פון אומראכמאָנעסדיק נעקאָמעדיק געשלעג,
און אים אינערגעץ ניט פארזען און ניט פארזאמען,
און אים אינערגעץ ניט ארויסלאָזן געהיים, —
אזוי דעם לאנד האָבן געשווירן פארטיזאנער,
אזוי געזעגנט האָבן זיי זיך מיט דער היים.

די לענדן גרויזאמע — געגורטע מיט גראנאטן,
און בייזע פּנעמער — באוואקסענע מיט בערד,

נאָר יעדנ אויסגעהאקטנ ביימעלע — א טאטע,
אונ אזא ליבע — דער יעסוימעדיקער ערד...
אָט דאָס האָט טאניע שטיל אינ הארצ בא זיכ פארטײַעט,
אונטער די ברעמענ — אזא דורכזיכטיקער צאר,
אונ יעדער אופגאבע איז הייליק איר אונ טײַער,
אונ ס'ווערט פארברענט אינ איר די שרעקלעכסטע געפאר.

א־בער די וועגנ פוילט דער בראָכ פונ סוינעס כײַעל
מיט די באגלייטערס די אנטשלאָפענע באנאנד,
אונ אומעטומ איז טאניעס אויסשפיר דער געטרײַער,
אונ אומעטומ איז טאניעס ברויונדיקע האנט.
דאָכ — וואָס זי טוט, דאכט זיכ איר או ס, אז עס איז ווייניק.
ווי זי באמיט זיכ ניט, איז דוכט איר, — ס'איז ניט אלצ,
זי הערט פונ ווײַט, ווי שוועסטער אירע וויינענ,
ווי ס'ווארפט דעמ טליִע-שלייפ דער פײַנט אפ זייער האלדז...

נאָר ס'גייט די שפײַז אונ די פאטראָנעס שוינ צו ענדע,
נאָר דער אָטריאד צוריק שוינ קלײַבט זיכ גיינ.
אונ טאניע גיט צומ קאָמאנדיר זיכ שטיל א ווענדע:
— איכ וויל נאָכ בלײַבנ אפ א צײַט אינ וואלד אליינ!
צעווישנ אָנגעשנייטע בערגעלעכ ווי בײַדלעכ
האָט איבערראשט דער קאָמאנדיר זי קוימ געזענ:
— אונ אויב דיר אומקומענ וועט זײַנ דאָ אומפארמײַדלעכ?
— אינ דײַטשנ אומברענגענ אמווייניקסטנ כ'וועל צענ!

ס'געפינט שוינ טאניע דאָרט פאר אומגעדולד קיינ רו זיכ,
דאָס הארצ פארגייט זיכ מיט א בענקשאפט אינ דער ברוסט.
ערגעצ פארשריבנ אינ א ביכל האָט קוטוזאָוו:
— פראנצויזנ צענ וועט ער ניט בײַטנ פאר קיינ רוס!
פארשנייטע שפרייטנ זיכ די רוסלענדישע וועגנ,
לעגענדעס שלאכטיקע א יעדערער באהאלט.
מיט פארטיזאנער מיט כאוויירימ שטיל געזעגנט
האָט בא די הענט זיכ טאניע דאָרט אינ וואלד.

5

באוווינט האָט טאניע אירע וואלדישע פאלאצנ.
באקומענ ליב איר אונטערוועגדיקע היימ.
פונ אונטער שניי-געדעק רײַסט דורכ צו איר א בלאט זיכ,

און ס'פּלאַצט פון פראָסט די קאָרע אפןביימ —
ווי יעדער איינציקער אליינ צעעפנט וואָלט זיך
פאר דער פארקלערטער פארטיזאנקע דאָ אינ וואלד,
זי צו באטרינקענ מיט א קראפט מיט אזא שטאָלצער,
וואָס יעדער איינציקער פונ זיי אינ זיך באהאלט.

שוינ זיך ניט אויסגעטאָנ א כוידעש, עפשער מערער...
צו אירע אויגנ רירט דער דרעמל צו זיך קוים.
ס'האָט פאר דער צײַט זיך אויסגעשליפנ דאָס געהער איר,
און עפעס לײַבלעכער דערפילט האָט זי דעמ רוים,
די פאסנ הימל דורך די דורכלויכטנ פונ צווײַגנ,
די ווײַטע ראנדנ די פארקישעפטע פונ שניי
און פונעמ וואלד דאָס ווינטערדיקע דײַגענ,
און דעמ געוואָי פונ ווינטיקנ זאווײ.

איר פּאָנעמ ווײַסער ווערט פונ אײַנוואשנ מיט שניי זיך,
ס'פארקעמט ארופ די האָר אירע דער ווינט,
די אויגנ — טרויעריקער, לויטערער און הייסער.
און איידער נאָך פונ נאכט די פינצטערניש פארשווינדט,
נאָך ביז באגינענ — זי אינ וועג ארײַנ איז פארטיק.
לאָזט זי מיט האָפנונגענ אוועק זיך אָנ א צאָל, —
עס דוכט, אז ביימער קוקנ אויס זי אינ פארנאכטנ
און אז זיי בענקענ, ווענ זי שפּעטיקט זיך צומאָל.

זי גייט אליינ קעגנ דעמ פײַנט איבער דעמ שניי דאָ,
איר איז ניט שרעקלעך דאָ צו אומקומענ אינ וועג.
ס'ליגנ די ביינער דאָ געבעט פונ אירע זיידעס,
זיי וועלנ אופשטיינ טויטערהייט, פונ ווײַ דערוועקט,
און מיט די שווערדנ ניט-פארזשאווערטע א בלאנק טאָנ
און א צעקלינג טאָנ זיך מיט שטורעמ פונ געפעכט.
זי בלאָנדזשעט אומ, די יונגע פארטיזאנקע,
און מיטנ טויט דעמ סוינע זי פארשפרעכט.

זי רעדט דעמ צאָרנ און דעמ ווײַ אירנ דעמ שניי אײַנ,
פארהילנ זאָלנ זיי די אופרײַסנ באמ ראנד,
ווענ ס'וועלנ דורכגיינ נאָר די פײַנטלעכע ארמייענ,
זאָלנ זיי אופליִענ מיט פײַער און מיט בראנד.
און ס'וואלגערט שטאָלענער געביינ זיך אפ די וועגנ,

וואַגאָנעס דראַפּען מיט די רעדער זיך אַרוף
פון די געהיימע די פאַרבאָרגענע געשלעגן,
פון דעם געוואגטן פּאַרטיזאַנישן באַרוף.

די ווינטן זאָרגפעליק די טריט אירע פאַרמעקן,
קיין מינדסטער צייכן ניט פאַרבלײַבן זאָל דערקאָנט.
זי שפּאַנט אַדורך אירע געפאַנגענע פאַרמעגנס,
זי קומט צו זיי פון ווײַט און פון דער נאָענט,
ווי ס׳קומט אַ פייגעלע צו גראַטעס פון אַ טורמע,
צו די פאַרשפּאַרטע הינטער טפּיסעדיקע ווענט
און ברענגט זיי גרוסן פריידיקע פון שטורעם,
וואָס אַ פאַרטײַעטער אין האַרץ זיך שוין צעברענט.

געדוכט אין איינזאַמקײַט באַנאַכט האָט זיך דאָרט טאַניען,
אַז שיין, ווי קיינמאָל, ווינטער איז דער וואַלד.
עס גיט די מאַמע מיטאַמאָל זיך אַ דערמאַן איר,
און אַזאַ בענקשאַפט אַזאַ ווײַטע זי באַפאַלט.
צו איר דער קלאַנג פון וויינענדיקע גוסליעס
גיט אין דער שטילקײַט נאַכטיקער אַ גיי:
— פאַרמאַך די אויגן און דערוועגן וועכטן רוסלאַנד
אין גרינער כוואָיע, אָפּגעשאָטענער מיט שניי.

ווען זי אַנטדרעמלט, שטייען אויף פאַר אירע אויגן
דער זילבער-שײַנענדיקער גוטער זיידע-פראָסט,
ס׳גיט אַ צעפּאָכע זיך דער ברענענדיקער פויגל,
דאָס הויקער-פערדעלע פון ווײַט זיך גיט אַ לאָז,
זיי קומען אַלע באַדערנאַכט זיך צו באַראַטן,
ווי זאָל זי בײַקומען די דראָענדע געפאַר.
נאָר אין איר קלומעקל זיך וואַרעמען גראַנאַטן,
די ריי מיט אומגעדולד אַ יעדע איינע וואַרט.

אַ שטיקל ברויט איז נאָך אין קלומעקל פאַראַנען,
מיט די גראַנאַטן אינאיינעם, צווישן זיי.
נאָר עסן ווילט זיך פאַרן אַוועקלאָזן ניט טאַניען,
זי לייגט אַרויס אירע גראַנאַטן אויפן שניי,
און, אַ פאַרטרוימטע, זי באַטראַכט ביז איינדערפרי זיי,
פּונקט ווי די לערנביכער פונעם צענטן קלאַס,
וואָס זי פאַרענדיקן אין שול האָט ניט באַוויזן
אונטער דער אומדערוואַרט-מלחמהדיקער לאַסט.

6

שוין לאנג איז היימלעך ניט געווען אין וואלד אזוי דאָ,
ווי אין קאַיאָרעדיקן אויגנבליק אצינד, —
עס גיט א צווייַגל מיט א צווייַגל זיך א סוידע,
און א פארקישעפטער הערט שטיל זיך אייַן דער ווינט.
שוין צייַט איז טאניען זיך געוועגענען מיט אים הייַנט,
די פליכטן אויספילן זי גייט אצינד אוועק.
איבער איר קאָפּ זיך שפרייט א שטערנדיקער הימל,
צופוסנס ליגט אן אויסגעשנייטער וועג.

און אָנגעלאָדן זיך אוועקגעלאָזט זי האָט דאָרט.
ס׳באמערקט ניט קיינער, ווי זי גייט, ווי זי קומט אָן.
ערגעץ שוין אייַנגעקאָרטשעט וואלגערן זיך דראָטן,
שוין ערגעץ שווייַגט אין פעלד א דייַטשער טעלעפאָן.
און טאניע שפאנט איבער די שנייִקע זאווייען,
א יעדעס שטעגעלע אנטפלעקט זיך איר אליין,
א יעדעס ביימעלע אין וועג טוט אזוי ווי איר, —
זי הערט אין יעדן א פארבאָרגענעם געוויין...

און שטיל פון איינעם צו דעם אנדערן זי וואנדערט.
עס רייַסן וויגעס זיך מיט ווינטן אין געפעכט,
ערגעץ אין וועג פליט זיך א לאסט-וואָגן פאנאנדער,
געלאָזט מיט פייַער איז א שטאל ערגעץ מיט פערד.
א יעדעס ביימעלע איר הארץ פילט מיט געוואג אָן,
און איבער ברעגן רייַכט דער האס זיך צו דעם פייַנט, —
זי האָט דאָ אויסגעשפירט ניט ווייַט א גאנצן לאגער,
דער וועג אהין — באוואָרנט איז און פרייַ.

עס גיט א היץ איבער איר לייַב זיך א צעגאָס דאָרט...
אָט איז די פלאש... און דער נאגאן... אָט איז דאָס דאָרף...
שוין לאנג דער מאמען ניט געשריבן ט׳זי קיין מאָסקווע
און קיין יעדיִע ניט געהאט שוין לאנג פון דאָרט...
און אזא בענקשאפט גיט א כאפ זי פארן הארצן,
און יעדער שאָרך ווי גיכט אין לייַב זיך איר פארזויגט:
זי זאָל ארייַנשטעלן אהיים איצט אומדערווארט זיך,
ווען ס׳זאָל די מאמע זי דערזען איצט אזוי —

אין די געשטוקעוועטע מײַטקעס די וואטאָווע,
אין דער צעגייקע, מיט דעם קלומעק אפ דער זײַט,
וואָלט זי א זאָג געטאָן: — געזויגן און געכאָוועט...
און עפשער אויך א טרער וואָלט זי פארטײַ׳ט...
נאָר פאר געוויס וואָלט זי דאָך שטאָלץ געווען אין הארצן
און ניט געוווּסט ווי צו באגיין זיך איצט מיט איר.
אָט איז דאָס געסעלע... דער הויף, — איר דאַכט זיך —
אָט איז די שטוב... די צוגעמאכטע טיר...

ניין, ס׳איז דאָס דאָרף. און ס׳איז שוין מער ניטאָ קיין אָפּדאַלט.
אין פלאַש דערוואַרעמט גרייט איז דער בענזין.
זי קוקט זיך אום: אן אייגן דאָרף, דער טויט — צוקאָפּנס...
— אין קלעם איז, רוסלאנד, איצט דײַן ערד און דײַנע זין...
אָט איז דאָס אָרט. די אָנגעמערקטע שאָפּע.
ס׳גיט טאניע פיבערדיק און שנעל זיך גלײַך א טראָג:
זי וועט איר אינגעווייד מיט פײַער באלד פארשטאָפּן,
ביז ס׳וועט שאַרײַען אָנהייבן אפ טאָג...

עס ליגן אָנגעגרייט דאָרט דײַטשישע סנאַריאַדן,
עס ליגט דער טויט דאָרט אָנגעקליידט אין שטאָל,
א יעדער איינער אפ א יאסליע גיין וועט גראד דאָרט,
א יעדער איינער וועט אראָפּ אפ א שפּיטאָל.
א יעדער איינער וועט די גאס מיט בלוט באגיסן,
און א געיאָמער אופהייבן אין דר׳הייך.
דאָ איז דער סאָפּ. די שטאל, אָט איז זי.
נאָך צוויי — דרײַ טריט. דאָס אָרט זי האָט דערגרייכט.

ס׳וועט באלד זיך אופהייבן א גענעמדיקער שײַטער.
זי זעט, ווי ס׳רײַסט זיך שוין פון אינעווייניק דער שרויט.
נאָר ניט געזען האָט זי, ווי ס׳לויערט פונדערווײַטנס
נאָך אירע טריט די וואך פון טויט.
איר דוכט זיך אויס, אז יעדער רעגע ווערט זי גרעסער,
צו רוסלאנד ווענדנדיק דעם בליק אירן מיט שײַן:
— דו זאָלסט אין מיר, מײַן היימלאנד, ניט פארגעסן,
פאר מיר צערעכענען דו זאָלסט זיך מיטן פײַנט!

זי בייגט זיך אָן. א שוועבעלע. א פויזע.
און אפן ווינט א צינד זי גיט עס אָן...

און אפֿן שנײ די וואַך פֿון ט. ט האָט שטיל געפֿויזעט
און זיך אַ וואַלגער מיטאַמאָל אַף איר געטאָן.
דער פֿלאַם באַוויזן האָט אַ גײ טאָן פֿון דער סטאַניע
דורך טאַניעס האַרץ און דורך איר לעצטער נאַכט. —
און דורך דעם שליאַך, באַלויכטענעם מ׳האָט טאַניען
צו אָפּיצערן אַ געבונדענע געבראַכט.

7

אַ פֿויערש שטיבעלע. אַ נידעריקע סטעליע.
געווירצן טרוקענע צעהאַנגענע אַף די ווענט.
קאָסאָקע פֿענצטערלעך זיך שיקלען צו די שוועלן,
און אַפֿן טיש אַ לעמפּעלע נאָך ברענט.
איקאָנעס מאָגערע, איקאָנעס אָפּגעצערטע,
און פֿאָנאָמאַרן פֿרעמדע — אָנגעזויפֿן-זאַט:
— וואָס טוט אין שטוב אַ דײַטשער אָפֿיצער דאָ?
— ווי קומט אַהער אַ דײַטשלענדישער קאַט!

דער באַלעבאָס פֿון לאַנד — ווער איז דאָ?
צי אין דער ווירקלעכקײַט געשיקט זיך, אַז עס ווערט
אָט דאָ געשטעלט פֿאַר דײַטשישע פֿאַשיסטן
די גרויסע רוסלענדישע פֿרײַהײַט צום פֿאַרהער?
האָט טאַניע שטיל אַ פֿיר געטאָן די אויגן
איבער דער שטוב, וואָס האָט געשטיקט זיך מיט דער פֿרעמד;
עס האָט אַ ווערבע בײַ דעם פֿענצטער זיך געבויגן,
פּונקט ווי אין פֿענצטער וואָלט זי קוקן זיך געשעמט.

געשטאַנען גרייט איז טאַניע צו איר פּרוּוו איצט.
פֿון אירע אויגן זיך געריסן האָט פֿאַראַכט.
זי האָט נאָך הילף צו קיינעם ניט גערופֿן
און האָט אַף הילף פֿון קיינעם ניט געוואַרט.
זי ווייסט אַליין — די אַכצן יאָר וועלן איר קלעקן.
דעם ווײ געצוימט האָט זי געביסן מיט די ציין.
אַליין, אַליין קעגן דעם אומווירדיקסטן עקל,
זי וועט אים קעגנשטיין און בײַקומען — אַלציינס!

מ׳האָט גלײַך אַ ריס געטאָן פֿון קאָפּ איר די צעגײַקע,
נאָך אירע וואָליקעס אַ וואַלגער צו די פֿיס.
— אַנו, דערצייל! — האָט אַן אָפֿיצער געטאָן אַ מײַקע. —

נאָר ניט געלײַקנט, גלײַך זאָג, ווער דו ביסט?
די פּאַרטיזאַנער זײַנען ווו און ווו איז סטאַלין?
עס האָבן פּויסטן באַם פֿאַרהער זיך גלײַך צעלאָזט.
מיט בלוט באַוואַשנדיק זיך, דורכגערוישט האָט טאַניע:
— דער כאַוווער סטאַלין איז ווי שטענדיק אַף זײַן פּאָסט!

צעריסן שנעל אַף טאַניען מ'האָט דאָס אָנטאָן,
און מיט אַ זעג אַ פּרוּוו געטאָן איר לײַב.
די ציינער פֿון שטאָל האָבן אין לײַב זיך איר פֿאַרפּלאָנטערט,
דער אָפֿיצער האָט זי אַ רוף געטאָן פֿונסנײַ.
געלייגט דער טאָג האָט מיטן האַרצן צו דער ערד זיך,
און ביזן הימל ט'זיך געטראָגן דער זאַוויי.
פֿון הינטער ווענט האָבן זיך דורכגעריסן קרעכצן,
הינטער די ווענט האָט מען געשטיקט זיך מיט געוויין.

נאָר אירע ליפּן ניט קיין ריר האָבן געטאָן זיך,
געטריפֿט בלויז בלוט האָט טראָפּנווײַז פֿון זיי.
איר טריבער בליק האָט ווײַטעקדיק געבלאָנדזשעט
ערגעץ אין מאָסקווע דער באַזילבערטער מיט שניי,
וואָס האָט באַשאָנקען זי מיט מוטיקײַט און קויעך,
וואָס האָט פֿאַרהאַרטעוועט איר ווילן ווי מיט שטאָל:
— וויין ניט, מאַמע, וויין ניט און ניט טרויער,
דעם ווײַ שמעלץ איבער אין נעקאָמע, מאַמע, שטאָלצ!

עס הערט ניט טאַניע, ווי אײַנלופּטן פּײַפּט דער רימען,
ווי אין איר הויט פּײַפּט ער זיך שנײַדנדיק אַרײַן. —
זי הערט, ווי שטערן יאָגן זיך אין הימל,
ווי ס'פֿאַלט דער שניי פֿרימאָרגעדיק באַשײַנט,
און יעדער וווּנד רײַסט אין דער ווײַט זיך: — מאַמע, וויין ניט,
דער טויט איז זיסער ווי די קנעכטשאַפֿט און דער אָל.
ווער וועט ניט אָפּגעבן דאָס לעבן פֿאַר דעם היימלאַנד?
ווער וועט ניט אָפּגעבן דאָס לעבן פֿאַר דעם פֿאָלק?

און רימענס פֿאָכען זיך. שוין אויסגעציילט צוויי הונדערט.
די הענקערס מאַטערן זיך אויסשפּילן די שלאַכט.
אַף טאַניעס לײַב עפּנט אַ וווּנד זיך נאָך אַ וווּנד דאָרט,
נאָר אירע ליפּן זײַנען שטיינעריק פֿאַרמאַכט.

— איז זאָל מען פֿײַער צוטראָגן צום כּויל איר, —
באַפֿעלט אין אומגעדולד דער אופגעבראַכטער קאַט;
עס וועלן ברענענדיקע שוועבלעך באַ איר פּויעלן
און זיך דערוויסן אַלץ און אַקוראַט.

ס'וועט טאַניע גערן זיך צעקושן מיטן פֿײַער,
פֿון מויל די ריינקײַט אָפּגעבן דעם פֿלאַם,
און ניט פֿאַרומווירדן איר ליבע איר געטרײַע
צו איר געלײַטערט פֿאָלק און צו איר לאַנד.
און אָט שוין גליִען אירע ליפּן זיך אַף קוילן,
נאָר קיינער הערט קיין קרעכץ און קיין געשריי.
האָט מען זי אויסגעטאָן אַ באָרוועסע, אַ דוילע
און זי אַרויסגעפֿירט זיך דורכגיין אַפֿן שניי.

8

דער שניי געלעגן ווי אין טרויער איז אַ טריבער.
דער רוים האָט אָנגעטאָן אַף איר זיך ווי אַ העמד.
ס'האָבן די הענקערס זי געשטויסן און געטריבן,
נאָר זי דעם ווייטעק האָט מיט לעצטן קויך פֿאַרקלעמט.
דער קויט ניט צוגעשטאַנען איז צו אירע לײדן,
ער איז פֿאַרברענט געוואָרן ראַשיק אין איר וויי;
און דרײַ מאָל ריין און זיבן מאָל געלײַטערט
איז זי געגאַנגען הויל איבערן שניי.

ווי ווײַסע לאָרבן אַף איר טרויעריקן שטערן
געלייגט דער שניי האָט זיך אַף קיינמאָל ניט צעגיין.
ניט אויסגעלאָשן זיך אין הימל האָבן שטערן,
געווענדט צו זיי די אויגן טאַניע האָט אַליין.
זי איז געגאַנגען איבערן שניי ווי אַן אַפּאָסטאָל,
דאָס לאַנד דאָס גאַנצע האָט די טריט אירע געהערט.
פֿון טריט די צייכנס האָט פֿאַרהאַרטעוועט דער פֿראָסט דאָרט,
זיי זאָלן אייביק זײַן פֿאַרקערפּערט אַף דער ערד.

מע זאָל זיי לײ'נען ווי אַ פּינקעס אין די צײַטן,
און ווי אַ ליד אין האַרצן טראָגן זיי מע זאָל, —
ווי שטאָלץ געגאַנגען אַ פּאַרטיזאַנקע איז אַף לײַדן,
דאָס לעבן אָפּגעבן דאָס יונגע פֿאַרן פֿאָלק.

די הויט געפּלאַצט האָט אַף איר לײַב אַף דורך און דורך דאָרט,
און בלוט געטריפט ווי דער באַגין האָט אָפּן שניי.
די טעמפּע הענקערס האָבן ראַשיק זי געשטורכעט,
נאָר ניט געפילט האָט זי דעם צוריר און דעם וויי.

ס׳האָבן די קויכעס זי פאַרלאָזט. נאָר זיך פאַרהאַלטן
האָט אַף אַ שלאָס דאָס אָנגעגליטע מויל.
שוין ניט קיין סאַך. אָט באַלד וועט זי אַ פאַל טאָן
און ניטן שניי זיך געבן אַ פאַרקנויל.
נאָר זי באַדאַרף נאָך עפּעס געבן דאָ צו וויסן,
איז זיך ניט אָפּגעשטעלט — דערשטיקט אין זיך דעם וויי;
און ס׳האָט די ערד די רוסישע געקושט די הוילע פיס איר
און אַף איר טאָכטער האָט די ערד די רוסישע געוויינט.

די הענקערס פירן זי. זיי ציטערן און פרירן.
נאָר טאַניע גייט. עס איז איר שניי. איר פראָסט. איר דאָרף.
— ס׳איז לײַכטער דרײַ מאָל ס׳לעבן צו פאַרלירן,
איידער דאָס פאָטערלאַנד פאַראַטן מיט איין וואָרט!
עס איז אַ טליע שוין געגאַנגען איר אַנטקעגן,
נאָך פון באַנאַכט האָבן די הענקערס זי געהיט.
דער שניי אין טרויער אַזאַ טריבער איז געלעגן,
געמונטערט טאַניע האָט אים שטיל מיט אירע טריט.

אַ יעדער טראָט האָט אין דער ערד זיך אײַנגעהאַמערט
און איר פאַרטרויט אין דר׳הייך ווי מיט אַ קאָל:
— זײַ רויִק פאַר דײַן טאָכטער, מאַמע!
— זײַ רויִק פאַר דײַן טאָכטער, פאָלק!
אָ, רוסלאַנד אויפגעוועקטס דורך פלאַמען טריבע,
די ווונדן שלאַכטיקע געוויקלט אין באַגין! —
צי ניט אַזוי האָט דײַן געשיכטע זיך געשריבן
דורך דײַנע בעסטע און געטרײַסטע דײַנע זין?

פאַרטאָג געבראַכט מ׳האָט טאַניען צו דער טליע,
פאַריאָגט אַהין אַף טרויער דעם האַמוין.
ס׳האָט דער באַגין אין הימל נאָך געטליִעט,
און אויפגעעפנט האָט באַ טאַניען זיך דאָס מויל:
— וואָס זײַנט איר טרויעריק, כאַהיירים? שלאָגט די דײַטשן!

דערטרינקט אינ פײַער זיי! אונ הארטער זײַט פונ שטאָל!
מיר איז דער נויט ניט שרעקלעכ. וויסנ זײַט זשע,
אז ס'איז א גליק צו שטארבנ פארנ פאָלק!

אנ אָפיצער דערלאנגט האָט די קאָמאנדע
אונ מיט דער שווערד געטאָנ פאר איר א בלענד.
נאָר אָפּגעשטויסנ טאניע האָט די האנט אימ
אונ צו די דײַטשישע סאָלדאטנ זיכ געווענדט:
— מיכ וועט איר אופהענגענ. נאָר צוויי הונדערט מיליאָנענ
וועלנ זיכ נויקעמ זײַנ פאר מיר אונ פאר מײַנ לאנד! —
איידער דעמ שלייפ האָבנ פארצויגנ די טאליאָנימ,
האָט זי באוויזנ נאָכ צו אופהייבנ די האנט

אונ זי א שטרעק טאָנ צו פרימאָרגעדיקע שטראלנ
אונ נאָכ א כאָרכל טאָנ צולעצטנס אינ דער ווײַט:
— געדענקט, כאוויירימ, אז מיט אונדז איז סטאלינ!
ער וועט קומענ! ס'וועט דאָס היימלאנד זײַנ באפרײַט!
איר דוכט זיכ אויס, אז יעדער רעגע ווערט זי גרעסער,
צו רוסלאנד ווענדנדיק דעמ לעצטנ בליק מיט שײַנ:
— דו זאָלסט אינ מיר, מײַנ היימלאנד, ניט פארגעסנ,
פאר מיר צערעכענענ דו זאָלסט זיכ מיטנ פײַנט!

געזאנג וועגן די אכט און־צוואנציק

1

א דעמב בא דעם וואָלאָקאָלאמסקער שאָסיי...
פון ערגעץ א בלאָנדזשענדער ווינט גיט א ווײ.
ער דאַרף ניט קיין רו. ניט געקומען צוגעסט.
ער זוכט דאָ א גראָבן. ער זוכט דאָ א נעסט,
ער זוכט דאָ א קײוער — א קוש טאָן די ערד,
ווּ ס'רוט פון גווארדייער ס'געביין און ס'געווער.

ווער וועט זי אים ווײַזן? ווער טראָגט דאָ די וואַך?
ס'איז שטיל. א פאַרכאַלעשטער ציט זיך דער שליאַך.
א יעטווידן שאָרך פון אַרום ער פאַרנעמט, —
אין גרויען שינעל ווי אין קאָרע פון דעמב
מיט שלאָפלאָזע אויגן, באהויכט דורך א שטראַל,
די וואַך טראָגט באַם ראַנד א גוואַרדיי־גענעראַל.

— האָסט, ווינט, אונטערוועגס דאָ פאַרבלאָנדזשעט אהער,
געקומען גוואַרדייער באַערן — באַער!
געאַרעמט מיט דער ערד, זײַנען אַלע פאַראַן,
נאָר ס'איז ניט קיין קײווער, — ס'א שלאַכטיקער ראַנד.
טרומייטן זיך קויקלען און וועקן דאָס פעלד:
דאָס גיבער־געביין פון גוואַרדייער באפעלט!

די וואַך איז צעשטעלט. דאָס געשלעג זעצט זיך פאָר.
עס שטעלן קיין סרײַפעס ניט אָפּ דעם קאַיאָר.
זאָל זײַן אכט און צוואנציק, קיין איינער ניט מער...
עס זאַפּט אין גראַניט ניט אדורך זיך קיין טרער,

דער פעלדז אונטער וואָלקנס באַדאַרף ניט קיין טוי, —
אומשטערבלעכקייט איז אין געשלעג זיי פאַרטרויט.

עס קרעכצן די וועלדער אַן אומעט אַרויס,
דער האַרבסט טוט די מעשענע פאַנצערס זיי אויס,
זיי זאָלן זיך נאַקעטע טאָן אַ צעגיי
אויף קראָמיסלעס גאָלדענע בריינגען דעם שניי.
מיט שלאָפלאָזע אויגן אַריבער דעם וואַלד, —
אויף מײַרעוו-זײַט קוקט דער גוואַרדיי-גענעראַל.

עס שפּרייט זיך אין רויך פאַר זײַן בליק דער מאַרשרוט
פון דעם אימפּעראַטאָר נ'דרײַעקיקן הוט,
ער זעט אים געבויגן צום קאָפּ פון דעם פערד,
פאַרלאָזנדיק אייַנזאַם די רוסישע ערד,
עס יאָגט זיך אַ ווינגע אים נאָך און אַ שניי
אויט דאָ אויפן וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי.

פאַרוואַקסן די טראַמען, פאַרוויייעט דער רום.
עס ציִען די וועגן זיך ווײַט אויף אַרום,
פאַרגאַרטלען די רוסישע ערד אַזוי שטײַף;
נאָר אומגערן גיב זיי מיט פינגער אַ פײַף,
וועט אויפגיין אויף יעדן אין ליכט פון קאַיאָר
דער רום און דער וויטעק פון הונדערטער יאָר.

דער הימל באַלייגט איז מיט רויך און מיט אַש,
עס לויפן כאַיאָלעס און פאַלן אין ראַש,
צעטראָטן פון פערד, אינעם שניי ביזן בויך...
נאָר ס'גיט אַ דערטרינק זיך די זעונג אין רויך
פון דײַטשישע אַכציק דיוויזיעס אין פעלד,
וואָס גייען אויף מאָסקווע — באַהערשן די וועלט.

אָט ליגט עס, דאָס לאַנד, אין האַרבסטיקער פּראַכט —
ס'האָט יעדער זײַן מי און זײַן בראָכע געבראַכט:
די טוווע — דאָס פעלד, און דיביימער — די פרוכט,
די שטאָט האָט דאָס כײַעל מיט שווערדן באַגורט,
און העלדן מיט מאַזל געבוירן אין לאַנד
האָט יעטווידע מאַמע און יעטווידער קאַנט.

און זיי איז דער צוטריט צו מאָסקווע פאַרטרויט.
ס'וועט זײַן א געשלעג! ס'וועט געפּלעפּט זײַן דער טויט!
עס גיט זיך א דונער א קויקל פאַרבײַ,
און בליצן פאַרשפּרעכן א האָגל פון בלײַ,
א וואָלקן אין דר'הייך זיך צערײַסט ווי א שוואַן —
פונוויַיטן באַווײַזט זיך א טאַנק־קאַראַוואַן.

פאַרטראַכט דען אן אָדלער אין וואָלקנס זיך לאַנג,
ווען ס'קריכט צו זײַן נעסט א פאַרפּעסטעטע שלאַנג?
א זון גיט זײַן קראַפט דען א מעסט און א וועג,
ווען ס'יאָגן זיך וועלף נאָך זײַן מוטער אין וועג?
און טראַכט דען פון טויט א גוואַרדייער באַם ראַנד,
ווען היטן פאַרטרויט אים דאָס האַרץ איז פון לאַנד?

האָסט, ווינט, דאָ פאַרבלאָנדזשעט. ס'איז לײַכט דײַן באַריר,
די ערד גיב א קוש און פאַרנייג זיך פאַר איר,
דערפאַר וואָס מיט זאַפטן מיט אירע האָט זי
געבוירן אף וווּנדער אַזעלעכע זין.
געזעגענען וועלן זיי דאָ באַ דעם ראַנד
זיך בלויז מיטן לעבן, נאָר ניט מיטן לאַנד!

2

צעלייגט אפן וועג — א געפאַלענער פערד,
א טאַנק פאָרט אַרופ אף אים הילכיק און שווער —
מיט אופשריפט — Nach Moskau! אף שטאָלענעם בויך,
האַרמאַטן, ווי באַק־ציינער, באַדעקטע מיט רויך.
ער קרעכצט און ער סאָפּעט, די קייטן אין בלוט,
עס קריכט נאָך אים הינטן א גאַנצער מאַרשרוט.

דיביימער ער ברעכט און דעם באָדן ער בײַסס.
מיט ציילעם אין דר'הייך זיך א צווייטער באַווײַזט,
א דריטער מיט בראָך און א פערטער מיט רויב,
מיט סרייפעס באַגלייטן אים דעכלעך פון שטרוי.
ער גרילצט און ער דונערט מיט יעטווידן שפּאַן:
— ווו איז ערגעץ מאָסקווע? ווי ווײַט נאָך פונדאַן?

א גאָלדענע וויגע אין האַרבסטיקן רוים
פון קליאָנעווע בלעטער דעם וועג זיי פאַרצוימט,

און הוילע בעריאָזעס, די ווײַסקײַט אנטבלויזט,
ווי צלאָמים מיט קאסקעס צעשטעלטע דורכויס,
און ס'טראָגט זיך א ווינט מיט געוואָי און געברום.
— צי איז ניט פארקישעפט די געגנט ארום?

דאָ רײַסט פון די ווײַטן א וואלד זיך ארויס,
דאָ גיט זיך א הייב אוף די ערד ווי א פויסט,
פון ערגעץ א בלישטש ווי א שווערד גיט א טײַך,
דעם צוג פון אנטקעגן א קרייץ איבערשטרײַכט,
און ס'טוישן זיך פלאכן פון עק ביז צו עק.
— צי בלאָנדזשעט מען ערגעץ אָט דאָ ניט אין וועג?

— די מאפע! געשווינדער! סע שטימט. אקוראט!
קיין מאָסקווע דער וועג פון בערלין איז דאָ גראד —
דורך מאָרד און דורך רויב און דורך טיל און דורך טעל!
עס פאָרט אין אן אייגענעם טאנק דער באפעל,
אין שווארצע קווארדאטן, פארזיגלט און הארב,
אף לאסט-וואָגנס ברייטע באגלייט דער פארדארב:

מונדירן, שינעלן, אין ראנג, אקוראט,
— ווען וועט מען זיי אָנטאָן אף מאָסקווער פאראד?
— ווען וועלן א בליאסקע די ציילעמער טאָן?
א שארבן שוועבט דורך — אין בינאָקל פארטאָן,
ער קוקט דאָרט די לעכער זיך אויס פון דער פאָן,
נאָר ס'זעט זיך אינערגעץ דאָרט מאָסקווע ניט אָן!

א שניי און א ווינט אין דער ווײַט ביז צום זוים,
מע קוקט אף די זייגערס: — וואָס דויערט אזוי?
עס פלאצן פון אומגעדולד פויקן אין וועג,
טראָמבאָנעס, ווי פריידיקס, צו ווינטן געשטרעקט,
ארומנעמען זאָל מען, א בלאָז טאָן אין זיי.
נאָר ווינטיק פארשטאָפּט זיי די גאָרגלען דער שניי.

— ווו זײַנען די שווארצע מאזשאָרן פון מאָרד,
בא דעם אָבעליסק אפן „פלאס דע קאָנקאָרד"?
וואָס ווארטן די ציילעמס, וואָס הײַעט די האק
פון בלוטיקע מארשן אין ווארשע און פראָג?

וואָס צינדט אין שטוקארצן ניט אָן זיך דער פלאם
פון טעמפּלען, געשענדעטע אין ראָטערדאם? —

— האָסט, שארבן, פארבלאָנדזשעט. א קיִיוער דו דארפסט?
עס האָט אים פארגרייט דיר דער רוסישער הארבסט
מיט שווערד פון גווארדייער אפ בלענדיקן שניי
אָט דאָ — בא דעם וואָלאָקאָלאמסקער שאָסיי!
קוראנטן פון קרעמל מיט שטערן אין וואך
דערמאָנען דיר, שארבן, א יעטווידע נאכט:

א זון ווען ס׳געבוירט די סאָוועטישע ערד,
געבוירט זי באגלייך פאר אים אויכעט א שווערד,
אז דרייסט פאר זיין לאנד זאָל ער זיין אין געשלעג,
ניט וויסן זיין מוט און זיין קראפט זאָל קיין ברעג!
אויב אומקומען וועלן זיי דאָ בא דעם ראנד,
איז בלויז אפ די ביינער פון פיינט פונעם לאנד!

געגאנן איז א שטילער, א זויבערער שניי...
דערמאָנט אין דער היים האָט זיך עמעץ פון זיי,
זיי האָבן זיך אויסגעזוצט ברייט אין דעם ריוו,
און איינער דערטראכט זיין געליבטער א בריוו...
ס׳האָט עפּשער פארפעלט אים א שיינער קאָנווערט,
נאָר ניט קיין געוואג אין זיין שלאכטיקער שווערד.

דעם בריוו זיין געליבטער וועט ברענגען דאָס לאנד.
עס וועט אים איר אויסזינגען דוירעסדיק-לאנג,
ווי בא א וואָקזאל אין א הא בסטיקער נאכט
געגאנגען מ׳איז זיגן און פאלן אין שלאכט...
דעם קאָפּ צו דעם ווינט גיט א נייג אָן דער דעמב:
דער רום פון די זיידעס ניט זיין וועט פארשעמט!

3

גווארדייער — גיבוירים פון רוסישער ערד —
אין צאָל אכט און צוואנציק, קיין איינער ניט מער!
די העלמען ווי קופּאָלן רונד ארום קעפּ,
שינעלן ווי נעפּלען פון הארבסטיקן סטעפּ,

געוויכטן — פארווינטיקט מיט צאָרן און מוט,
זיי האָבן אין וועג שוין פון לאנג ניט גערוט.

דאָס וואסער פון פליאגעס, פון טאשן — דאָס ברויט,
ס'טוט אויס זיך פון בראָנזענער וואָבלע די הויט,
און ווער אפ די קני, און ווער אפ א זוים, —
פארכליאנעטע הערצער פארכאפט מען אזוי,
זיי האָבן געענדיקט ניט לאנג א געשלעג,
א מאכנע זיי האָבן צעקלאפט אפן וועג.

געשמאק איז דער ביסן און לײַכט דאָס געמיט,
ווען ס'לייגט מיטן ברויט זיך א זיג אין דער מיט!
געוועזן איז די מאכנע אין זיבן מאָל מער,
און זיבן מאָל קלוג האָט באדארפט זײַן די שווערד!
נאָר קיינעם פון זיי ניט געוועזן איז נאָך קלאָר,
אז ס'שטייט ערשט דאָס סאמע דאָס גרויזאמע פאָר...

און איינער אין ריוו א דערמאָנט גיט זיך סטאם.
אז ווארעם זײַן דארף נאָך אין זײַן קאזאכסטאן;
א צווייטער איז לאנג ניט געוועזן שוין צוגאסט
בא זיך אין אאול אין די בערג פון קאווקאז;
נאָר ווו איז א היים נאָך אזא דען פאראן,
ווי דאָ אינעם גראָבן, ווי דאָ בא דעם ראנד?!

גוירלעס זיך שמעלצן מיט פײַער אזא
צעווישן אוקראַינער און רוס און קאזאך,
זיך נויקעם זײַן גייט פאר ווײַסרוס א גרוזין,
איין מאמע אפ העלדנמוט בענטשט זיי, די זין,
איין גוירל אפ אלעמען לייגט זיך ווי טוי —
עס זאָל זיי ניט קאָנען באזיגן דער טויט.

ס'רינט אויס צווישן צווײַגן פון ביימער דער טאָג.
געוואַי פון אליארם גיט באם הארצן א נאָג, —
די נאכט מיט אן אָנפלי א פינצטערן דראָט.
געוויס שטעלט א ריי זיך איצט אויס באם מעטראָ
פון מאמעס און קינדער, וואָס כאלעשן רו.
און ס'גיבן גווארדייער גיבוירים א ברום.

אין ווײ און אין ווינד און אין גרויזאמען רום
צעשפרייט איז אין שלאכטן דאָס לאנד אפ ארום.
נאָר מונטער דאָס הארץ איז און לויטער דער בליק, —
ניט אָפּטרעטן וועט מען קיין טראָט אפ צוריק.
צוקאָפּנס איז מאָסקווע, געגורט מיט א שווערד,
און איינער, וואָס שלאָפט ניט קיין טעג און קיין נעכט,

וואָס טראָגט אין דער הייך צו דעם שפּיץ בארג ארופ
דעם גורל פון פעלקער דורך פלאמיקן פּרוּוו,
ניט זײַן זאָל אינערגעץ דאָס פײַער פארזאמט,
דער שטורעם זאָל זײַן, ווו ס׳איז נייטיק, געצאמט...
אין קרעמל, ווי נ׳טורעם פון טאנק, מיטן בליק
ער גרונטעוועט די אינטעגראלן פון קריג.

א שנײ גיט א לאָז זיך, א נישטער געשווינד,
דעם וועג וועט מיסטאמע אים ווײַזן דער ווינט...
— צי קלאָגן בעריאָזעס אין דעמער פארטײַך?
— צי פליִען די פייגל אוועק אין דער ווײַט?
געזעגנען און בענטשן גוואַרדייער באַם ראנד
זיך איילן די וועלדער, די טײַכן באנאנד,

די הארבסטיקע שטילקײַט, פון ווינט דאָס געוויין.
ניט זײַן וועט געלעסטערט קיין איינציקער שטיין!
און ס׳איז אזוי פײַערלעך, גרויזאם און גרינג,
כאָטש גיב אין דער נאכט זיך אזוי א צעזינג!
דער שנײ לייגט א זויבערער שטיל זיך אפ זיי.
— פארוואָס ז׳אזוי לײַכט פאר דיר שטארבן, ראסיי?

גוואַרדייער גיבורים! שוין גרייט און פארטײַט,
זיי קוקן זיך אײַן פון דער טיף אין דער ווײַט:
אָט זײַנען די טאנקען ניט ווײַט שוין פון ראנד,
דערלאנגען מע קאָן זיי, זיך דוכט, מיט דער האנט,
און אפן געהער לויטן גרילץ פונעם שטאָל
געהיים ווערט בארעכנט די גרויזאמע צאָל.

נאָר ס׳קערט א גוואַרדייער זיך אום פון דער וואך:
— כ׳האָב אויסגעציילט, אָדלערס, ס׳איז ניט אזא סאך!

אזוי א שטיק צוואנציק אינגאנצנ, ניט מער.
עס כאפט דאָ אפ יעדנ א טאנק אומגעפער, —
א טאנק אפ א קריגער. איז גרייט זיכ געמאכט!
עס זעצנ זי פאָר די גווארדייער, די שלאכט!

4

דעמ הימל אפ זיכ, איבער טורעמס — אינ דר׳הייכ
פארוויקלט איז מאָסקווע אינ פראָסטיקנ רויכ.
צופוסנס — א פאנצער פונ קופערנעמ זאמד,
די גאסנ אונ פלעצער — אינ שטאָלנס פארצאמט,
ווי נ׳דערנער-קרענצ הוילע ביז ווונד אונ ביז וויי.
דער מאָסקווע-טײַכ גורט זי ווי א פאָרטופיי.

זי שטייט ווי דער אָנהייב, זי שטייט ווי דער ראנד...
קיינ וועג אויסער איר איז אינערגעצ פאראנ,
אפ דווירעס געלייגט איז איר יעטווידער שטיינ,
יאָרהונדערטנ הינטער א יעטווידנ שטייענ.
זײַנ בראָכ אונ פארגאנג אינ איר פלאמיקנ פײַנ
דערזענ פונדערווײַטנ וועט יעטווידער פײַנט.

פארווינטיקט אונ גרוי איז איר גרויזאמ געזיכט,
א׳נ פונ איר פארטונקלטקײַט שפרודלט מיט ליכט,
מיט ליכט, וואָס דרינגט דורכ אינ די טיפנ פונ צײַט
אונ עפנט די וועגנ דער צוקונפט פארטײַט,
מיט פלאמ פונ אכט-הונדערט-אונ-צוועלעפטנ יאָר,
ווענ אָפגעברענט ס׳האָט דער פרעמדלענדישער יאָכ.

אינ אלע פיר זײַטנ מיט גראָבנס צעשפרייט,
איז מאָסקווע צו שלאכט אונ צו ווידערשטאנד גרייט.
דער שטערנ פונ קרעמל אפ קאָפ בא איר לײַכט,
אזויווי בא דעמ רויטנארמייער צוגלײַכ.
אונ ס׳וועגדעט פונ ווײַט זיכ מיט צווײַגנ דער דעמב:
— דער וואָלאָקאָלאמסקער שאָסיי איז אינ קלעמ!

די טאנקענ ווי טרומנעס, — א ריי נאָכ א ריי,
ס׳דערלאנגט יעדער ווײַלע די ערד א געשריי;
דעמ ערשטנ קורגאנ אונ דעמ ריוו — שוינ פארבײַ.

דעמ צווייטנ זיי קנעטנ אונ כראָמקענ אונ קײַענ,
פאַריסנ די הערנער די שווארצע פונ קויט,
עס טרײַבט זיי דאָרט אָנ אפ די וועגנ דער טויט.

— ווּ איז ערגעצ מאָסקווע? טווערסקאַיא ווּ איז?
א זאלפּ גיט אינ שטאָלענעמ מויל זיכ א ריס.
— אווּ איז דער קרעמל? אווּ איז דער פּלאצ?
צי האָט ניט דער שטאָלענער פאנצער געפּלאצט?
א וואקל זיכ גיט דאָרט א טאנק אינ דער זײַט...
אינ גראָבנ אפ שטרוי — די גווארדייער פארטײַט.

ס'דערמאָנט אינ דער קינדהײַט פונ גראָבנ די שטרוי.
אונ טראָפּנווײַז שטיל איר דאָס בלוט זיכ פארטרויט.
עס רײַסט זיכ דער ווי דורכ שינעלנ ארויס,
נאָר ס'ליגנ גווארדייער באמ גראָבנ אינ שויס,
זיי ליגנ מיט ווּנדנ זיכ צו צו דער ערד
אונ לײַכטער דער ווי, אונ פארשווּנדנ ער ווערט.

ס'דרינגט דורכ יעדער טראָפּנ צומ הארצנ פונ לאנד,
אָט ליגט עס אינ ווי — מיטנ מויל עס דערלאנג
א פלי גיב מיט דעמ אינ די ווײַטנ פאָרויס!
גיט איינער א ווענדע זיכ: — רוסלאנד איז גרויס,
נאָר אָפּטרעטנ, ברידער, ניטאָ איז ווּהינ...
פונ הינטנ איז מאָסקווע! אינ שניי אונ אינ ווינט,

פארלאָשנ דאָס ליכט, ווי אינ אויסשפּיר פארטײַעט,
די שויבנ פארדעקט, נאָר זי קוקט אזוי ווײַט.
פארטונקלט איז מאָסקווע. א זשומ איז אינ רויִמ,
ס'איז מעגלעכ א שפּאַרבער אדורכ דעמ פארצוימ
אונ ברעכט דאָרט מיט פײַער, מיט טויט אונ מיט בלײַ,
אונ שטיקער ער רײַסט פונ איר מעכטיקנ לײַב.

א יעדער צעברעקלטער ציגל אונ שטיינ
רײַסט אופ זיכ מיט ווייטעק בא זיי אינ געביינ.
די ציגל זיי האָבנ געלייגט דאָ אליינ,
פּאלאצנ געבויט, געקנאָטנ די ליימ,
דעמ מירמל געטאָקט פאר דעמ מאָסקווער מעטראָ
אונ גאסנ צערוקט דאָרטנ ברייט אונ געראָמ,

ס׳איז מאָסקווע אין יעדן גוואַרדייער פאַראַן,
וואָס האָט ווי אַ פעלדז זיך געשטעלט בײַ דעם ראַנד,
אין יעטווידן בוים און אין יעטווידן גראָז,
אין יעטווידן אָטעם פון ווינט און פון פראָסט,
אין יעטווידן טראָפּן פרימאָרגיקן טוי,
און ס׳האָט איבער זיי ניט צו זאָגן דער טויט.

און ס׳גייט בײַ דעם גראָבן אַ לייג זיך דער ווינט —
ער וועט אַ שאָליעך געטרײַ זײַן אַצינד!
— דײַס דורך זיך אין קרוינשטאָט! צום קרעמל פאַרגיי,
גיב איבער פון וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי:
מיט לײַב און מיט לעבן דעם פײַנט אין געשלעג
פאַרשטעלן גוואַרדייער קיין מאָסקווע דעם וועג!

5

אָ, היימלאַנד, געלײַטערט אין פײַן פון געשלעג!
גיי איצטער אַרויס ווי אַ יאַם פונעם ברעג!
פאַרופֿ דײַנע ווינטן און שטורעמס אַהער,
דעם פײַנט שווענק מיט פײַער אַראָפּ פון דער ערד!
זאָל גיין יעדער וועל ווי אַ באַרג אין דער הייך!
און גורט דײַנע זין אָן מיט דרייסט און מיט קריי׳ך!

אָ, היימלאַנד, געלײַטערט אין רום און אין וויי!
פאַרקישעפ מיט ברויז און מיט פײַער דעם שניי!
פאַרזאַמל די זילבער-געפאַנצערטע פרעסט
און גלי ביז דעם גרונט אויס די בלוטיקע פעסט.
די ביקסן געפרעסט אין די הענט זײַנען שטײַף,
די פינגער אין מויל און ס׳דערהערט זיך אַ פײַף:

— גוואַרדייער גיבוירים! גראַנאַטן — דעם פײַנט!
און ס׳האָט זיך אַן אופרײַס מיט פײַער צעשײַנט,
אַ הייב געטאָן האָט זיך די ערד פון געדראַנג,
און ס׳האָט זיך אין פײַער פאַרכלינעט אַ טאַנק,
אַ צווייטער מיט נאָזלאָך אַפּ לינקס און אַפּ רעכטס
אַ גראָב זיך געטאָן אין דער ערד מיט אַ קרעכץ.

און ווי פאַר אַן אָפּגרונט אַ בלינדער, אין שרעק
פאַרהייבט דאָרט אַ טאַנק זײַנע קריכנדע זעג,

פאַרהײבט זײ אין דר'הײך מיט בראָך־גראַגערײַ
און בראָקט זיך מיט ראש אין א צװײטן אַרײַן,
ער בראָקט אים אין קאַרק זיך אַרײַן מיטן קאָפּ,
און ס'שטעלט דער טאַבון זיך דער שטאָלענער אָפּ

מיט גרילץ און מיט דונער: — פאַרהאַלטן װער האָט?
צוריק זיך קײן קערעװע און װײַטער קײן טראָט!
צעגראָבן דער שליאַך איז אין גריבער דורכויס,
זײ סאַפּען, די מײַלער אַרויסגעשטעקט בלויז, —
עס װאַרגט זײ א פיבער, פאַרהריזנעט און מאַט
זײ כאַפּן דעם אָטעם דורך רער פון האַרמאַט!

מיט בלוט א פאַרשמיר האָט געטאָן זיך דער שנײ
אַף שלאַכטיקן װאָלאָקאָלאַמסקער שאָסײ.
פון אײנעם דאָרט פליט שױן די קאַסקע אַראָפּ,
אַזוי װי אַן אונטערגעשאָסענער ראָב.
די הענט אין דער לופט און דער קאָפּ — זיך א דרײ:
— קײן מאָסקװע? דו אײַלסט זיך? צום מאָלצײַט? נו, גײ!

ס'האָט רוסלאַנד פאַרפוצט זיך מיט שנײען די ברוסט.
א שליטװעגס קײן מאָסקװע דיר האָט זיך פאַרגלוסט?
װילקאָמען! װאָס ביסטו פאַרפאַקט אין א טוך?
װאָס קאָרטשעסטו אײַן זיך? א קעלט נעמט דיך דורך?
װאָס האָסטו פאַרטראַכט זיך? פאַרגעסן דעם װעג?
באַם שאַרבן, װאָס צײכנט דײַן פאָן, גיב א פרעג!

נו, װאָס האָסטו פלוצים פאַרקוקט זיך? דו טראַכסט?
באַװונדערסט א טױטער דעם רוסישן האַרבסט?
זיך עפּעס דערמאָנט, װאָס געבליבן ביסט שטײן?
א קײװער װעט זײַן דיר דאָ יעטװידער שטײן!
דיר זײַן א בעסאַלמען װעט יעטװידער טאָל,
װען ס'זאָלן די קישקעס דיר אויך זײַן פון שטאָל!

און ס'רײַסט זיך דער פלאַמיקער צאָרן און האַס:
— װער האָט אײַך פאַרבעטן אַהערצו צוגאַסט?
זײ הירושען, די גליבעס. זײ קריכן פאָרויס
און ברעכן דאָס שטאָלענע אײנגעװײד אויס.

און ס'פלאצט אפ א דריטנ, א פערטנ די הויט,
אונ ס'פירט דאָרט דעם פינקטלעכנ כעזשבנ דעם טויט.

— גוואַרדייער! א טרונק פאר די טײַוולשע זינ!
אונ ס'האָבנ א גיי געטאָנ פלעשער בענזינ
ווי ברענ-פייגל בונטע פונ נעסטנ ארויס
מיט פלאמיקע פליגל פונ בראנד אונ פונ ברויז.
זיי ווארפנ זיכ גראָד אונ זיי נעמענ געטרײַ
די טאנקענ אינ בראנדיקע אָרעמס ארײַנ

אונ פלעכטנ זיכ איבער אינ פיבער אונ גרויל,
ביז ס'פאלנ כאלאָשעס די טאנקענ פארקוילט.
עס נייענ זיכ פאנצערס פאנאנדער אינ בראָכ,
זיי כאָרכלענ אונ קאָרטשענ זיכ אײַנ אפ אנ אָרט
ווי בופלאקסנ שווארצע, געפענטעט אינ פלאמ,
פונ הינטנ — א ריוו, אונ פונ פאָרנט — א צאמ!

אונ איבערנ גראָבנ — א האָגל פונ בלײַ.
א דונער רײַסט אופ זיכ, א צווייטער — פארבײַ.
עס פיבערנ הענט פארווונדעט, אונ העל
איז ס'בלוט דורכ גוואַרדייִשנ גרויענ שינעל.
עס ליגנ מיט דר'ערד שוינ געאָרעמטע דרײַ,
נאָר מונטער דאָס הארצ אונ ס'געווער איז געטרײַ!

6

צוקאָפנס איז מאָסקווע, — געגורט מיט א שווערד,
אונ איינער, וואָס שלאָפט ניט קיינ טעג אונ קיינ נעכט.
ער איז אינעם גראָבנ אינײנעם מיט זיי,
מיט מוט זיי ער נערט אונ פארלינדערט דעם וויי,
עס לייגט זיכ אפ רוסלאנד אינ אומעט דער שניי...
אונ אונטערגעבראָכנ שוינ נאָכ זײַנענ צוויי.

מיט פויסטנ פארשטארטע אינ לעצטנ באַוועג,
מיט לײַבער פארקילטע, צעלייגט אפנ וועג,
א קאָפ צו א קאָפ, — ניט פארלאָזט דאָס געווער,
פארשניטערהייט וועט מענ אויכ זײַנ א שטער.
דעו' בלויז צווישנ איינעם אונ צווייטנ זיכ מערט,
אונ שיטער די רײ די געשלאָסענע ווערט...

נאָר קיינער דעם טויט לאָזט ניט דורכגיין אהער.
זיי זײַנען שוין אכצן. געציילטע. ניט מער.
מע זעט ניט, ווי בלוט פֿון די אקסל זיך שפּאַרט,
ווי דוירעס פֿאַרנייגן זיך שטיל פֿאַר דער שלאַכט,
מע זעט, ווי עס ליגן אין בראָכוואַרג פֿאַריווירט
שוין פֿערצן צעגלידערטע טאַנקען קאַפּויר.

די קייטן צעהריזעטע הענגען אראָפּ,
די פּאַנצערס — צעלעכערט, די טורעמס — צעקלאַפּט.
פֿאַרפּלאָנטערט אין כעזשבן — ניט גראָד און ניט אום —
זיי שטייען, די שטאָלענע גליבעס, פֿאַרשטומט,
אַזוי ווי אַ צווינטער פֿון שטאָלענעם בראָך.
נאָר ס׳גרילצן שוין נײַע, עס אײַלן שוין נאָך.

צעגלידערטע פֿערצן און — פֿערציק צו הילף!
און צען פֿון דעם בינטל גיבוירים — פֿאַרשטילט...
עס פֿעלן גראַנאַטן. זיי גייען צו ענד.
האָט איינער צום צווייטן געטאָן זיך אַ ווענד:
— גוואַרדייער! דאָס לעצטע פֿון זיך איצט מע מוז!
דרײַ טאַנקען אַנטקעגן אויף יעדן פֿון אונדז...

זיי קריכן אַרום. זיי באַלייגן דעם ראַנד.
אַרויסגיין פֿון גראָבן, גוואַרדייער, באַנאַנד!
מיט לעצטע גראַנאַטן. דערנאָך — אונטער זיי!
פֿאַרשטעלן די טאַנקען דעם וועג מיט די צײַן!
ס׳וועט אויסקומען אָפּגעבן ס׳לעבן דעם לאַנד —
צעקושן זיך לאָמיר און געבן די האַנט!

און שטיל איז געוואָרן אַרום אויף אַ ווײַל,
מיט אויגן צו מאָסקווע געטאָן זיך אַן אײַל:
— אָט איז זי, די וועלט, נאָר די צײַט איז צו ענד...
איז האָט מען זיך שווײַגנד געגעבן די הענט,
געזיכטן פֿאַרווינטיקט מיט פּולווער און רויך, —
איז האָט מען צעקושט זיך אָן ווערטער אין דר׳הייך.

אַ וואָרף אויף אַנטקעגן דאָס טרײַע געווער:
— פֿאַר דיר, אונדזער היימלאַנד און לײַבלעכע ערד!

געלייגט זיך אַף איר, געפּאַנצערט מיט מוט,
די לעצטע גראַנאַט און די לעצטע מינוט:
— ווערסט, מאָסקווע, אין האַרצן זי טראָגן, די שלאַכט...
נאָר ס'זײַנען שוין מער ניט פאַראַנען, ווי אַכט.

זיי האָבן אין כמאַרעס פון פֿײַער און רויך
אַ הייב זיך געטאָן אין דער גאַנצענער הויך —
אַזעלכענע ריזן, געשטאָלט און געגליט,
אַ יעטווידער שאָס איז פון דוירעס אַ ליד,
שינעלן ווי פליגל צעשפּרייט אַפן ווינט,
אָן זיי וועלן בערג זיך צעברעקלען אַצינד.

די העלמען — אין פֿײַער. די שטיוול — אין שניי.
אָט זײַנען זיי — די פונעם ערשטן פאַרניי!
זאָל גאַפן די צײַט און זאָל וויסן דער טויט,
אַז זיי איז דאָס האַרץ פונעם היימלאַנד פאַרטרויט,
אַז ס'וועט קיין האַרמאַט און קיין שטערבלעך געווער
ניט אָפּרײַסן זיי פון דער לײַבלעכער ערד.

זיי גייען. עס שפּרייט זיך דאָס שלאַכטיקע פעלד.
און איינער דעם צווייטן יאָגט אָן ווי אַ וועל,
פיסטוילן — געציילטע. זיי לייגן זיך קאַרג.
גיט איינער אַ וואָרף זיך אַ טאַנק אַפן קאַרק,
אַ צווייטן מיט אַקסל גיט איינער אַ הויב,
נ'מיט זיי דאָרט אינײנעם זיי פאַלן פאַרטויבט.

אַף אייביק מע נעמט מיט דער ערד זיך אַרום
און שטיל איר די קראַפט און דעם מוט קערט מען אום
און שטיל זאָגט מען אָן איר: — צום קרעמל פאַרגיי,
גיב איבער פון וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי,
אַז ביז ס'האָט דער אָטעם דער לעצטער געקלעקט,
זיך פאָרגעזעצט האָט — איינס-אַף-איינס — דאָס געשלעג!

7

אַף וועלכן גראָז, וואָס וועט אויפגיין פון דר'ערד,
וועט יעטווידער טוי ניט פאַרגיין אין אַ טרער?
אַ וועלכער שטיין, וואָס פאַרלייגט איז באַם וועג,
קיין איידעס ט'ניט זײַן פון גוואַרדייִש געשלעג?

צי וועלנ עס וועלדער ניט אויסרוישנ דענ:
שוינ טאנקענ אפ יעדערנ פאלנ צו צענ.

נאָר ס'גיט קעגנ צענ א גוואַרדייער א לויפ
אונ פלעכט מיט די רויפנ פונ טאנק זיכ צונויפ.
ווער האָט דענ געוויגנ אינ מאָס אונ אינ צאָל
די קראפט פונעמ לאנד אונ די בראָכע פונ פאָלק?
די קייט מע צעהריזעט מיט לעצטנ געדעכ.
— גוואַרדייער! ס'וועט מאָסקווע ניט ווערנ פארשוועכט!

מיט טריט שוינ מיט לעצטע, געציילטע צו ענד,
פארשטעלט מענ דעמ וועג מיט פארוווּנדעטע הענט,
פארשטעלט מענ די לײַבלעכע ערד אונטער בלײַ
שוינ אויכ מיטנ אָטעמ אונ אויכ מיטנ לײַב...
אונ ס'גייענ שוינ מער ניט ווי דרײַ אינ דער ריי,
מיט זיי בלויז דער ווינט, אונ די צײַט, אונ דער שניי.

מיט זיי גייט די צײַט אונ די צוקונפט — מיט זיי
אפ וווּנדיקנ וואָלאָקאָלאמסקער שאָסיי.
ניט מער ווי א רעגע — נאָר אייביק איז זי,
ווי אייביק דער רומ איז פונ שלאכטיקע זינ!
עס ווענדעט צו זיי זיכ דאָס בלוט אפנ שניי,
נאָר ס'גיבנ צו דר'ערד א פארנייג זיכ נאָכ צוויי,

א פאל אפנ שניי, זיכ א טוליע צו אימ.
אונ ס'גיט א פארטרוי אינ דער ווײַט זיכ א שטימ:
— אויב עמעצ וועט בלײַבנ, דערמאָנענ זאָל ער,
אַניט איז דערציילנ אליינ וועט די ערד...
פאראנ איז נאָכ איינער פונ צוואנציק אונ אכט!
מיט לעבנ מע שיידט זיכ, נאָר ניט מיט דער שלאכט!

אָט איז ער, דער לעצטער, אליינ אפנ ראנד...
דער שניי איז אינ בלוט אונ דער הימל — אינ בראנד.
ער לאָזט קעגנ גאנצנ טאבונ זיכ אינ שלאכט,
אונ ס'גיט אפנ האלדז דאָרט א פאל אימ די נאכט
אזוי ווי א מאמע, אנטקעגנ — די קייט
געפאנצערטע גליבעס אפ אימ, — נאָר ער גייט!

די הענט אפ דער ברוסט אונ דער בליק אפנ פײַנט,
א שטערנ אינ דר'הייכ האָט זיכ העלער צעשײַנט.

ער טראָגט זיך, דער גיבער, צעגליט און פארשנייט.
עס לעכערט אים דורך א פיסטויל, און ער גייט,
א צווייטער זיך גיט אינעם לײַב אים א גראָב,
א דריטער און נאָך — נאָר ער שטעלט זיך ניט אָפּ.

ער גייט! עס איז זײַנע — די ערד און דער שניי,
און קיינעם ניט וועט ער ניט אָפּגעבן זיי.
עס דוכט, אז ער גייט שוין דאָ לאנג אָט אזוי —
אריבער דעם ראנד און אריבער דעם זוים,
דורך סרייפעס און שטורעמס, דורך ווינט און קאיאָר
פון טויזנט-אכט-הונדערט-און-צוועלעפטן יאָר.

א שטיבעלע בלאנקט אינדערוויַיטן פון ליים,
עס רופט אזוי טרויעריק אים איצט זײַן היים.
ווו איז זי? ווו ניט? זי איז דאָ, זי איז דאָרט...
אוקראַינע, ווײַסרוסלאנד און קרים און — זײַן דאָרף...
נאָר דאָרטן איז נאכט, און די זון גייט ניט אוף,
פון דאָרטן זיך טראָגט א געוויין און א רוף.

ער גייט! א גווארדייער — אליין קעגן שקוואל.
ער גיט ווי א דעמב פון א דונער א פאל
און גראָבט מיטן לײַב אין א טאנק זיך ארײַן...
אָט זײַנען זיי אלע — די שלאכטיקע פרײַנט —
זיי זעצן זי פאָר, די גווארדייער, די שלאכט,
דער וועג איז אָפּ מײַרעוו! די קלעם איז צעשפארט!

אָ, היימלאנד, געטרײַע און לײַבלעכע ערד!
דו האָסט זיי געגעבן דײַן רומפולע שווערד
און שטיל זיי אין שלאכט אין דער לעצטער באגלייט
און שטיל זיך געזעגנט, נאָר ניט זיך צעשיידט!
אָפּ אייביק פארקריצ אין זיקאָרן בא זיך
א יעדערנס נאָמען און יעדנס געזיכט.

זיי זײַנען געגאנגען אין דער אומשטערבלעכקייט!
מיט ביקסן אין וואכ איז געשטאנען די פרײַהייט.
פארנייגט האָבן וועלדער און בערג זיך ארום.
מיט זיי איז געגאנגען דײַן שטאָלץ און דײַן רום,
און מאָסקווע צוקאָפּנס, געגורט מיט א שווערד,
און דער, וואָס ער שלאָפט ניט קיין טעג און קיין נעכט.

★✦★

באַלאַדע וועגן פינף

1

אין די געבערג שווינדלט א טאָפּאָל נאָך א טאָפּאָל,
פונקט ווי אין איבערלויף פאַרטײַעט אומבאַמערקט.
זיי וועלן אָנקומען צו נאַכט קיין סעוואַסטאָפּאָל
מיט א יעדיִע פון דעם פרילינג אין די בערג.

א יעדעס גראָז, א יעדע ווײַנטרויבדיקע לאָזע,
א יעדער ווינט, א יעדע כוואַליע פונעם יאַם
שווערן דעם סוינע אין דער שטאָט אַרײַן ניט לאָזן,
דעם וועג אים אויסבעטן מיט פײַער און מיט פלאַם.

א יעדע סטעזשקע אין א נעץ וועט זיך פאַרוואַנדלען,
א יעדער וועג — זיך ווי אן אָפּגרונט א צעכראַסט.
— איז עפּעס הייליקער פון פאָלקס־צאָרן פאַראַן דען?
— איז עפּעס שטאַרקערס נאָך פאַראַנען דען פון האַס?

זיי שנײַדן דורך פון דער באַלאַגערונג די קלעמער:
קיין צאַם פאַר פרילינג איז אינערגעץ ניט פאַראַן.
דער פײַנט פאַרפירט פון די קאָלווירטן האָט די לעמער,
ער דעקט זיך צו מיט זיי באַם פײַערדיקן ראַנד

אַפּ צו באַפאַלן מיט אן אָנגריף מיט א נײַעם
די סעוואַסטאָפּאָלער ניט־צוטריטלעכע שוועל.
ווו א באַשטאַן, האָט ער צעאַקערט שוין מיט בלײַ אים,
מיט שאַרבנס קינדערשע — פאַרזייעט ווו א פעלד.

מיט טאַנקען־טשערעדעס ער רײַסט זיך איצט פאַרשטאָפּן
די הויכע באַרג־נעסטן פון אָדלערדיקער פראַכט;

געקומען זײַנען זײ צו נאַכט קײן סעוואַסטאָפּאָל
און די יעדיִע אים די גרויזאַמע געבראַכט.

זיך אויסגעצויגן אים אַנטקעגן ווי די סטרונעס
און אויסגערוישט אים — פֿון די צווײַגן ביזן שטאַם:
— שעפּט דען דאָס פּרוכפּערדיקע ליכט זיך פֿון דער זון אַרויס?
— די טיפֿן טריקענען דען אויסעט אין דעם יאַם?

איבער דער שטאָט האָבן זיך סרײפֿעס ווי שטורקאַצן
געטוקט אין רוים מיט אופֿרײַס און מיט קנאַל.
און נאָך ווי קײנמאָל ניט געבליט האָט די אַקאַציע,
און נאָך ווי קײנמאָל האָט דער צוויט אירער געשטראַלט.

2

די בערג מיט טוי זײַנען פּרימאָרגעדיק באַטראָפּנט,
פֿאַרכאַלעשט טרויערן די טאָלן — טיל און טעל —
— באַפֿעל די ווינטן זײ דערפֿרישן, סעוואַסטאָפּאָל,
און דײַנע טאָפּאָלס זיך באַוואָפּענען — באַפֿעל!

פֿאַרזאָרגטע בײגן צו דער ערד זיך שטיל די גערטנער
ווי מיט געבעט — אַז זײ פֿאַרהיטן זאָל די ערד
פֿון די פֿאַרלענדנדיקע שטורעמס אומגעהערטע
און פֿון דער פֿײַערדיק־פֿאַרניכטנדיקער שווערד.

מיט רויך מיט ביטערן פֿאַרצויגן איז דער הימל,
די וואָלקנס יאָגן זיך און לויפֿן ערגעץ אײַן:
— וווּ בלאָנדזשען אום ערגעץ די טשערעדעס די קרימער?
— וווּהין פֿאַרטריבן פֿון די בערג האָט זײ דער פֿײַנט?

צום דריטן מאָל ער לאָזט זיך שטורעמען די פֿעסטונג,
צום דריטן מאָל די באַטאַליאָנען דאָרט ער לאָזט —
און בא די בארג־הײלן פֿאַרבלײַבן זײ אַפֿ קעסט דאָרט,
ניט קײן פֿאַרדעקטע פֿון דער ערד און פֿון קײן גראָז.

דער האַרבסט געלאָזט האָט אים אין וועלקונג זיך פֿאַרהילן,
מיט פֿרעסט דער ווינטער האָט אין שנײען אים פֿאַרוויגט,
און שטראָמען באַרגיקע, צעגאָסענע אין פֿרילינג,
האָבן פֿון הײלן אים אַרויסגעשווענקט צוריק...

נאָר דרײַ מאָל טויט אין קרימער בערג איז ניט גענוג אים.
ער גײט אַרום שוין איבער אײגענעם געבערג

צונויפגעוועלבטע און פארשטיינערטע הארוגים,
אונטערגעשניטן פון שווארציאמיקן געווער,

און קוקט זיך אויס פון דאָרט א וועג קיין סעוואסטאָפּאָל,
מיט פאנצערס שטאָלענע זיך טאָן אהין א שפאר.
טאבונעס טאנקען יעדער ווײַל ווערן פארטאָפּלט,
און יעדע ווײַלע ווערט פארטאָפּלט די געפאר.

נאָר אף דער וואך איז די שווארציאמיקע פּעכאָטע,
און יעדער בוים און יעדער שטיין איז אף דער וואך.
דעם פײַנט פארהאלטן און ניט לאָזן אים קיין טראָט טאָן
האָט די מאטראָסן שטיל באפעלט דער קאָמיסאר.

3

איבער דער שטאָט שפרייטן זיך רייכעס פון אקאציע,
א יעדער שטיין געלײַטערט איז און העל.
פינעף מאטראָסן ווי די טאָפּאָלס האָבן גראָד זיך
געמאָלדן שטיל צום קאָמיסאר אפן באפעל.

אנטקעגן פײַנט האָבן זיי ערגעץ ניט געאַנקערט.
עס ווייסט דער יאם וועגן באגעגנישן א סאך.
דעם וועג פארשטעלן פאר די גרײַפנדיקע טאנקען
דעם קאָוועד אָנטרויען זאָל זיי דער קאָמיסאר.

אויב עס וועט נייטיק זײַן דאָס לעבן — איז דאָס לעבן!
ניט זײַן געשענדט וועט דער שווארציאמיקער בושלאט. —
איבער די בערג ארומגעקראָכן איז א נעבל,
דער יאם געבלעטערט האָט א בלאט דאָרט נאָך א בלאט,

ווי ער וואָלט אופגעמישט די צײַטשריפט פון געשלעגן,
ווו די מאטראָסן די שווארציאמיקע מיט רום
האָבן באדעקט זײַנע ניט-צוטריטלעכע ברעגן
און זײַן אומברעגיקײַט אף ווײַטן — אומעטום.

נאָך ניט געשטילט האָבן פון כוואליעס זיך די פּליעסקען,
עס טראָגט דער רויש זיך נאָך מיט שטורעם און מיט ווינט
פון איינס אף איינס מיט סוינעס שווימענדיקע פעסטונגען,
וואָס אף די גרונטן זיך געלייגט האָבן געשווינד.

געפּאַכט דער יאם צו זיי פונוויַיטן האָט מיט זעגלען,
גלײַך ווי מיט שמעטערלינגען-פליגל, פון זײַן שוים.
ניט לאנג זיי האָבן מיט זײַן בלויקײַט זיך געזעגנט,
ניט לאנג געזעגנט זיך זיי האָבן מיט זײַן ברויז,

און ווי געליבטע זיי געבראכט אפ דער יאבאָשע
און אפ קיין אויגנבליק מיט זיי זיך ניט געשיידט.
איז זאָל פארטרויט זײַן אויך דער פרווו זיי אָט אָ דאָ שוין —
דעם פײַנט באגעגענען אין שלאכט זיי זײַנען גרייט.

און שטיל געדריקט האָט זיי די הענט דער קאָמיסאר דאָרט,
און שטיל געווינטשט דער קאָסיסאר האָט זיי דערפאָלג.
באגלייט דער יאם האָט זיי מיט צאָרנדיקער צארטקײַט,
באגלייט מיט ליבע און מיט שטאָלץ האָט זיי דאָס פאָלק.

4

א טראָג פון יאם האָט זיך א מעוועדיקע טשאטע
געטאָן אין דר׳הייך און זיך פארגאנגען אפ דער וואך.
און פינף מאטראָסן האָבן אָנגעטאָן גראנאטן,
און פינף מאטראָסן זיך געגרייט האָבן אין שלאכט.

ווי אפ א הוידלקע זיך וויגנדיק אנטקעגן
מיט פליגל זילבערנע זיי פאָכען צו דעם ברעג.
און פינף מאטראָסן זיך מיט פרײַנט האָבן געזעגנט,
און פינף מאטראָסן זײַנען אײַלנדיק אוועק.

נאָך לאנג געקרײַזט האָבן די מעוועס דאָרט צוקאָפּנס,
נאָך לאנג די פליגל אפ דער זון האָבן געשײַנט.
און פינף מאטראָסן זײַנען אופגאנ אפ א סאָפּקע
און זיך פארלייגט אפ צו באגעגענען דעם פײַנט.

דורך נעפל ברויזנדיק געקוקט אפ זיי דער יאם האָט,
און אזא קלאָרקײַט איז געגאנ פון זיי אין רוים:
— שטעלט קעגן שטורעם זיך דער וואַ׳ד דען נאָר צוזאמען?
— שלאָגט זיך באזונדער דען ניט יעדער איינער בוים,

אז גאָר דער וואלד פון דר׳ערד ניט אויסגעפלאנצט זאָל ווערן
און שטום פארבראָכן זיך ניט וואלגערן זאָל ער?
און פינף מאטראָסן — זאלבעפינפט ווי איינער — שווערן
די זוניק-פרילינגדיקע פאָטערלעכע בערג,

די דופטיק-גאָלדענע, די ווײַנטרויבדיקע גערטנער,
די פרישע שטראָמענ, וואָס באהויכנ זיי מיט טוי,
די שטאָלטנע טאָפּאָליעס די אומעטיק-פארקלערטע:
מיט לײַב אונ לעבנ ניט אדורכלאָזנ דעם טויט,

וואָס קריכט ארום ווי די געפאנצערט-בלאָנדע אומפלייט
אפ דער געהייליקטער, דער פּאָטערלעכער ערד,
אונ פונ די בערג א הויב טאָנ בליצנדיק אונ רומפּול
אפ דוריי-דוירעס די שווארציאמיק-שטאָלצע שווערד.

דער טשאטיר-דאג פונ זיך געשטויסנ האָט דעם דעמער,
געריסנ וואָלקנס אפ איר לײַב האָט די יאילא.
אונ פינפ מאטראָסנ — זיך א ריס פונ צווישנ קלעמער,
אונ ס׳האָט א שפאר געטאָנ א שלאקס-האָגל פונ פלאם.

5

שטייט סעוואסטאָפּאָל, א באלאגערטער, אינ פײַער,
געווענדט צו ווײַטנ צו די יאמישע פּאָרויס;
א יעדער שטיינ לייגט זיך צופוסנס אימ צושטײַער,
א יעדער בוימ פאר אימ די צווײַגנ שטרעקט דאָרט אויס.

זיי דעקנ צו מיט פוך מיט גרינעמ זײַנע וווּנדנ,
אונ ווינטלעך יאמישע דאָרט לינדערנ זײַנ וויי, —
ער שטייט — א דורזיכטיקע וויזיע פונ וווּנדער,
אינ שלאכט-לעגענדעס פונ פארצײַטנס נאָך פארוויינט.

דעמ וואָי פונ שפארבערס ניט ער הערט אונ ניט ער שפירט דאָרט,
פונ די רויִנעג שטייט ניט צו צו אימ דער ברוך.
עס דוכט — ער שווימט איבער די כוואליעס פונ געשיכטע,
אונ ס׳איז דער גורל פאר אימ אָפנ ווי א בוך.

אונ א געלײַטערטער ער לײ׳נט אינ יעדנ שאָס אימ,
די ווײַטנ וויקלענ זיך — אי פײַעדיק, אי העל.
ער זעט די זיידעס פונ די העלדישע מאטראָסנ,
וואָס שלאָגנ איצטער מיטנ פײַנט זיך בא זײַנ שוועל

ניט מיט די צאָלנ פונ די פאנצערס אינ געלאָקער,
נאָר מיט דער קראפט פונ טרײַשאפט, הארטער ווי גראניט;
אונ ס׳זײַנענ אָנגעפילט די טאָפּאָליעס ווי לאָגלענ,
אונ ס׳שוימיקט אויס פונ די אקאציעס זיך דער צוויט.

איבער זײַן קאָפּ טראָגן די שפּארבערס אום מיט בלײַ זיך
מיט אזא פֿײַערדיק-פארלענדנדיקן פּאָך.
זיי רײַסן שטיקער פון די אויסגעצערטע הײַזער
און ברעכן ביימער. נאָר ער הערט אים ניט, דעם בראָך.

ער הערט די שווּע פון מאטראָסן. אָנגעלאָדן
א יעדער שאָס, ווי א געבאָט, קומט צו אים אָן:
— קיין טראָט ניט אָפּטרעטן צוריק ביז לעצטן אָטעם!
— זיך שלאָגן גרויזאם ביז דעם איינציקן פּאטראָן!

און פון דעם פרילינג אזא פריידיקער געוויר איז.
אין זײַנע פראכטן ברענט אדורך זיך יעדער צאם.
ס'וועלן די בערג עס פארגעדענקען פאר די דורעס,
און אין העקזאמעטערס וועט זינגען עס דער יאם.

6

דעם דריטן טאָג האלטן מאטראָסן שוין די סאָפּקע,
דעם דריטן טאָג רײַסט ניט פאנאנדער זיך די שלאכט.
צו סעוואסטאָפּאָל איז דער צוטריט א פארשטאָפּטער,
דער וועג דעם פֿײַנט צו סעוואסטאָפּאָל איז פארשפּארט.

דעם דריטן טאָג האלטן מאטראָסן אײַן די סאָפּקע.
ווי שווארצע כוואליעס קריכן טאנקען אַף זיי אָן;
א יעדער שאָס עפנט פאנאנדער זיי אן אָפּגרונט,
ווי נאָר א קלעטער זיי באווײַזן ערגעץ טאָן.

צום אָנהייב — זיבן. ס'יאָגן אָן זיי דאָרטן אכצן.
דער ערשטער קײַעט מיט די ציינ־קאסטנס א בוים;
דעם קוילנווארפער צוגעדריקט צום סאמע הארצן,
באשפּריצט מיט פלאם אים א מאטראָס ווי פון בראנדסבאָיט.

ער שטעלט זיך אָפּ אונטער א שירם פון רויך און פֿײַער
אַף א געלענק מיט אזא גרילצנדיקן שלוכצ.
אין א קאָלאָנע ער ארויסגאנג איז אינדרײַען.
דעם לאנגן וועג האָט א מאטראָס געמאכט אים קורצ,

מיט ערשטן שאָס באוויזן גלײַך אים דעם אראָפּגאנג.
א צווייטער ראנגלט זיך מיט קריכנדיקע דרײַ.
נאָר איינ מאטראָס ליגט ווי א בוים שוין אַף דער סאָפּקע
מיט א שינעל איבערגעדעקט געטרײַ.

ווי שווארצע בופלאקסן צערייצט זיך לאָזן נײַע,
קאַפּויר זיי שטעלן זיך, פאַרכלינעטע אין בלײַ,
מאַטראָסן זעען ניט אין וויכער פון דעם פײַער
דאָס בלוט, וואָס שלענגלט זיך ווי ליענטעס אַפן לײַב.

די ליפּן — איבערגעברענט, דאָרשטיק און צעטראַסקעט.
אין אויגן — צאָרן, ווי אין שטורעם-ווינט דער יאַם;
מע שטילט דעם דאָרשט זיך פון די אויסגעוועלבטע קאַסקעס
און פון דעם אויפגעפליגלט-שײַטערדיקן פלאַם.

אָט א סנאַריאַד רײַסט אויס א פּוס אײנעם מיטאַמאָל,
נאָר פון געווער רײַסט אים ניט קיינער אָפּ אין שלאַכט.
עס האָט דער קוילנוואַרפער אָפּגעשטעלט זיך דעמאָלט,
ווען אָפּגעשטעלט באַם ריז האָט זיך דאָס האַרץ.

7

דורך די בושלאַטן טריפן בלוטיק-הייסע טראָפּן,
די לײַבלעך, צוגעקלעפּט צום לײַב, אַדורכגעברענט;
צום לעצטן מאָל א קוק געטאָן אַפּ סעוואַסטאָפּאָל,
צום לעצטן מאָל געדריקט זיך ברידערלעך די הענט.

קיין קוילן האָט שוין קיינער מער געהאַט דאָרט,
דער האַלדז באַם קוילנוואַרפער דאָרשטיק האָט געצאַנקט.
איז אַפּ די רימענס אויפגעהאַנגען די גראַנאַטן
און זיך געלאָזט דאָרט — א מאַטראָס קעגן א טאַנק.

אַרום דער סאָפּקע א בעסאַלמען איז געלעגן
פון שטאָל צעקריפּלטן — דאָס אינגעווייד אַרויס...
און אינדערשטיל האָבן מאַטראָסן זיך געזעגנט,
און שטאָלץ דער ערשטער האָט א גיי געטאָן פאָרויס.

און זיך א וואָרף אונטערן טאַנק מיט די גראַנאַטן,
ווי פון א פּאָלוב זיך אין יאַם געטאָן א לאָז.
ס'זאָל, היימלאַנד, נאָך א מאָל דאָס לעבן טאָן א פלאַטער,
וואָלט עס געשענקט דיר דער שוואַרציאַמיקער מאַטראָס.

דעם וועג אים אָפּגעטראָטן פּאַכעד האָט און אײמע,
געקושט די טריט זײַנע פון באַרג האָט יעדער שטיין.
אים די קאָמאַנדע דאָרט געגעבן האָט דאָס היימלאַנד,
און מיט דעם טויט האָט ער קאָמאַנדעוועט אליין.

נאָך אים — דער צווייטער האָט א שלײַדער זיך געגעבן,
און, א געפּלאַצטער, זיך געטאָן פאַר אים א הויב —
די בערג זיך ווארגן שוין מיט פּײַערדיקן נעבל,
די בערג — דערציטערט פונעם אופרײַס און פארטויבט.

און שוין דער לעצטער. ער געזוען האָט, ווי אלע
האָבן אפ אומקום זיך געוואָרפן קעגן טויט.
פאר זייער לעבן סאליוטירט האָבן די קנאלן
און אין די ווײַטן ווי צאוואָעס זיך פארטרויט.

און ווי א דונער, מיט גראנאטן רונד באהאנגען,
האָט ער א קוש געטאָן די אויסגעפּלאָגטע ערד.
— זאָלן אפ לײַבער זיך פאנאנדערײַסן טאנקען
און מיט די ביינער זיך דערווארגן, ווי מיט שווערד.

8

געטרײַע בערג! פארקריצט עס פלאמיק אפ די הייכן!
און זאָל עס לויכטן אין דעם אומענדלעכן רוים, —
זאָל עס די צוקונפט און די קינדס-קינדער דערגרייכן,
זאָל עס צעטראָגן יעדער שטיין און יעדער בוים.

פארזשאווערט גליווערן די טאנקען מיט די צײלעמס,
און די געבליבענע — צוריק זײַנען אוועק;
א יעדן דורכלויפּיקן ווינטל זיי דערציילן
פון זייער בראָך בא סעוואסטאָפּאָל אפן וועג.

ס'שטייט סעוואסטאָפּאָל ווי א דורכויכטיקע וויזיע,
געגורט מיט שלאכטיקע לעגענדעס און באוואכט,
און בא דער טאָפּקע — די שווארציאמעדיקע ריזן
רוען געארעמט מיט דעם היימלאנד נאָך דער שלאכט.

און א ניט-צוטריטלעכקײַט שוועבט דאָרט א געהיימע.
ווי א מאטראָסקע זעט די סאָפּקע אויס אין זאמד.
עס היט די רו זייערע זאָרגעוודיק דאָס היימלאנד.
ס'פארויגט פונווײַטן מיט א וויג-ליד זיי דער ים.

אויך טויטערהייט וועלן דעם סוינע זיי ניט לאָזן,
גלײַך ווי די זיידעס פון פארצײַטנס, פון אמאָל.
זיי האָבן אויסגעפילט די שווּע ווי מאטראָסן,
זיי האָבן אויסגעפילט די שווּע פאר דעם פאָלק.

עס גייען שטיל פֿאַרבײַ אַ טאָפּאָל נאָך אַ טאָפּאָל
פּונקט ווי אין איבערלויף — פֿאַרטײַעט, אומבאַמערקט;
זיי קומען זילבערנע אַרײַן קיין סעוואַסטאָפּאָל
מיט אַ יעדיִע פֿון דעם פֿרילינג אין די בערג.

זיי שנײַדן דורך פֿון דער באַלאַגערונג די ראַנדן —
ניטאָ אינערגעץ פֿאַר דעם פֿרילינג איז קיין צאַם,
— איז עפּעס הייליקער פֿון פֿאָלקס-צאָרן פֿאַראַן דען?
— איז עפּעס שטאַרקער נאָך פֿון ליבע דען פֿאַראַן?

דער סוינע רײַסט זיך — אַי צופֿוסנס, אַי צוקאָפּנס.
עס קרייצט זיך דורך פֿון באַרג צו באַרג די שיסערײַ —
נאָר מיטן לײַב ז׳פֿאַרשטעלט דער וועג קיין סעוואַסטאָפּאָל,
ס׳וועט סעוואַסטאָפּאָל — ווי דער יאַם — זײַן פֿרײַ!

באלאַדע וועגן דעם קאָמיוגיסט גרעבעניקאָוו

דער פאַרטאָג האָט צעגאָסן זיך גלאַנציק
אַפּ די רויִקע ראַנדן פון יאַם,
און די שיף איז געגאַנגען אַפּ קאָנסטאַנצע
זי פאַרפלייצן מיט פייַער און פלאַם,

זי פאַרפלייצן מיט פעך און מיט שוועבל,
ביז דעם גרונט זי צעאַקערן טיף;
ווי פון שלאָף האָט דאָס וואַסער געבלעבלט
מיט די מעכטיקע שרויפן פון שיף, —

זיי באַוויזן, ווו ס'ליערט אַ מינע
און ווו מיַידן ס'איז נייטיק געשווינד;
און די שיף האָט באַגלייט דער באַגינען,
ווי אַ מאַמע באַגלייט אַ קינד.

ס'האָט פון ערגעץ באַגעגנט קיין ווינטל,
ניט פאַרפירט האָט קיין קלאַנג אין דער זייַט;
און די שיף איז געגאַנגען געשווינד דאָרט,
ס'זאָל איר שליכעס דערפילט זייַן באַצייַט,

ס'זאָל איר שליכעס דערפילט זייַן איינגאַנצן,
וואָס עס זאָל ניט געשען אַפּן יאַם.
ניט געריכט האָט פאַרטאָג זיך קאָנסטאַנצע
צו געריכטן פון פייַער און פלאַם.

צו פאַראַט זי מיט ראַכוועס צעשפאַרט האָט
אירע קוואַלן פון נאַפט — ניט געזאַמט —
און באַטרונקען די דייַטשישע שפּאַרבערס
אַפּ פאַרדאַרבונג מיט גיפט און מיט סאַם,

אפ האריגע און מאָרד אומגעהערטער,
אז קיין דאָרשט זאָל זיי פּלאָגן אין פּלי,
און צו רוסישע שטעט און צו דערפער
זיי פארקירצן דעם וועג פון בערלין.

איז געגאַנגען די שיפ מיט איר שליכעס,
ווי דער גורל אינמיטן דעם יאַם.
צו די ברעגן דערנענטערט זיך גיכער
און געבראָכן א יעטווידן צאַם.

ס'קומט א מעווע פון ווייַט זיך א גריס טאָן,
נאָר ס'באמערקט זי ניט קיינער אין וועג —
אפ דער שיפ זייַנען דאָ קאָמיוגיסטן,
זייער בליק ז'אפ דעם פייַנטלעכן ברעג,

זייער בליק צו די ווייַטן געווענדט איז,
ס'איז דער אָטעם פארטייַעט און הייס;
ס'פלאפלען פרידלעך מאטראָסישע ליענטעס
וועגן גרויזאַם-געפערלעכן רייס,

ס'מישן כוואליעס ווי בלאט זיך נאָך בלאט דאָרט,
יעדער רעגע זיך מעסט אפ דער מאָס.
ווי טשוהונ זעען אויס די בושלאטן,
אפן ווינק רעדט מאטראָס מיט מאטראָס.

ווער עס גיט א סיגנאל דאָרטן איבער,
ווער דעם כעזשבן עס פירט פון דער שלאכט, —
בא דעם קעסל — נ'א זייַט זיך פארקליבן
שטייט גרעבעניקאָוו — דער קאָטשעגאר.

הערט זיך צו, ווי דער אייל טריפט דורך רערלעך,
און דער דאמפ — ווי ער שטייַגט אין דער הויך;
טאָמער וואָס, טאָמער עפּעס געפערלעך,
זאָל קיין רעגע ניט דורך אָן געברויך.

ער איז ווּקסיק, גרעבעניקאָוו, בראָנזיק,
אומבאוועגלעך זיך דוכט זייַן געזיכט,
נאָר אנטפלעקט, — ס'קאָן עס יעדערער אָנזען, —
ער האָט גאָרניט פארטייַעט אין זיך —

ניט די גרעבלעך-פּארווינטיקטע צוגן,
ניט דעם כיין, וואָס אנציקט און פארפּאָלגט,
ניט דעם שטאָלץ, וואָס ט׳געשענקט דער קאָמיוג אים,
ניט די קראַפט, וואָס געשענקט ט׳אים דאָס פאָלק.

בא דעם קעסל ער שטייט ווי א פּאנצער,
זײַן געזיכט צו דעם יאם איז אנטפּלעקט.
און די שיפּ איז געגאנ אפ קאָנסטאנצע,
אומפּארמײַדלעך געצויגנ צום ברעג.

דאָרטנ קוקנ ווי קעפּ פונ באַיארנ
רונדע טשאנענ מיט דיסקנ אינ דר׳הויך;
ס׳וועט ניט ראטעווענ איצט זיי קיינ כמארע,
און קיינ אויסקויפ איצט ווערט ניט געברויכט!

ס׳וועט ניט בײַשטיינ די מאסקע פונ דיסקנ.
א קאָמאנדע דערהערט זיך אזא:
— פארנ פאָטערלאנד! פלאם, קאָמיוגיסטנ!
און דעם ברעג האָט דערשיטערט א זאלפּ.

ס׳איז אינ צאָרנ בא יעדנ די האנט דאָרט,
שוינ צעהוליעט דער פלאם זיך אינ דר׳הויך;
און עס זעט שוינ די גאנצע קאָמאנדע,
ווי עס ווארגט זיך קאָנסטאנצע מיט רויך.

פונ ארום הייבנ בערג זיך א קוק טאָנ,
ס׳דוכט — זיי רײַסנ זיך אויס פונעם שטאם;
און עס מעלדנ פונ שיפ רעפּראָדוקטאָרס
די פרימאָרגיקע פלאכנ פונ יאם:

ס׳ברענענ העל אינ קאָנסטאנצע די באקנ,
ס׳האָט דאָס פײַער קיינ אָפּהאלט שוינ מער;
ביזנ הימל דערגרייכט זייער פלאקער —
ס׳איז דער וועג אים אינערגעצ פארווערט!

אקוראט לייגט א יעדער סנאריאד זיך,
יעדער אופרײַס אינ כמארעס זיך טויכט —
ווי פונ גענעם געלאָזטע שטורקאצנ
אפ א פלאמיקנ צוג אינ דער הויך.

ס'וועט א נעסט פון שאקאלן צעשטערט זייַן,
זי דורך אש וועט פון ווייַט זייַן דערקענט;
און מיט פרייד גיסן אָן זיך די הערצער,
און מיט ברויז גיסן אָן זיך די הענט!

און א זאלפּ נאָך א זאלפּ — אין געיעגן,
און א ריס נאָך א ריס דונערט אוף;
ווי מיט בלעכיק-צעבויגענע נעגל
כאפּן באקן זיך אָן פאר דער לופט.

און זיי ברעכן מיט קרעכצ זיך ארונטער,
צוגעדריקט און באזאָטלט פון פלאם.
ביז די טיפע דערשיטערטע גרונטן
פארגעדענקט עס אפ אייביק דער יאם.

אין פארניכטונג דעם סוינע דערקלערט זיך
דער געוואגטער פרימאָרגיקער רעיד.
פון הארמאטן די גאָרגלען — זיי לעכצן
אומגעדולדיק זיי ווארטן די ריי.

א פארמעסט פון א ריי מיט א ריי איז,
און צו ענדע די שלאכט איז שוין נאָנט;
נאָר עס רופן זיך צוויי באטארייעס
פונעם ברעג פונעם פייַנטלעכן אָן.

און עס האָבן א גליטש אפ דער פאלוב
שטיקער בליי מיטאמאָל זיך געטאָן,
בא דעם באָרט גיט א שרויפ זיך א כוואליע
פון דורך פייַער צעריסענעם שטאָל.

שוין א האָגל פון קוילן צעטאנצט זיך,
שוין ניט אויסציילן זיי אין דער צאָל.
צו דער שיפ האָבן זיך פון קאָנסטאנצע
דרייַ עסמינצעס געלאָזט אפאמאָל.

ס'האָט די שיפ זיך א וואקל געגעבן,
אפ דער פאלובע — דער קאפּיטאן —
און א קוק ארום זיך און — דערנעבן
די קאָמאנדע, פון אָרט ניט קיין שפאן.

די געפֿאר ווערט אַלץ נעענטער און גרעסער,
יעדער רגע — פֿון גוירל געציילט;
און גרעבעניקאָוו שטייט בא דעם קעסל
הערט זיך אײַן אין זײַן יעטווידן טייל.

א באדעקטער מיט שוויס, גראָבט זיך אײַן ער
נ׳ווענטיליאַטאָר, אין יעטווידער רער
מיט פֿארלאָפֿענע אויגן מיט זײַנע
פֿון דער הייצונג זעט דאָרטן ער,

ווי עס זעצט זיך דער דאַמף אומדערוואַרט דאָרט,
ווי געפֿאר זיך צעלייגט אף דער שיף.
ס׳איז קיין צײַט ניט פֿאראַן אף צו טראַכטן,
דאָך אַן אומרו אין לײַב גייט א טריף:

— ס׳א געפֿאר! וואָס צו טראַכטן ניטאָ איז!
איצט ווי קיינמאָל די צײַט איז פֿון טאַט!
ער זאָל נאָר דאָ ניט מאַכן קיין טאָעס,
ער זאָל נאָר דאָ מיט אַלץ... אַקוראַט.

און עס טראָגן זיך שנעל די עסמינוטעס,
זיי פֿארגייען פֿון זײַטן אַרום.
נאָר א טרייסט אינעם הארצן צעגרינט זיך,
און ער גייט זיך א קוק אזוי אום

אין דער ווײַט: — ס׳איז אין פֿײַער קאָנסטאַנצע!
ס׳איז די אויפֿגאַבע אויסגעפֿילט גוט!
מ׳וועט אהיים זיך נאָך אומקערן גאַנצע,
צי דאָס איז שוין דער לעצטער מאַרשרוט?!..

— נו, גרעבעניקאָוו, שנעל גיב א גרייט זיך! —
ווענדט זיך זײַן קאָמאַנדיר צו אים לײַכט: —
דו צעעפֿענען גלײַך וועסט די הייצונג
און די טרײַבלעך אַדורכקוקן גלײַך!

אף א רגע ט׳דער יאַם זיך פֿאַרטײַעט,
און די כוואַליעס — פֿאַרשלונגען דעם קלאַנג:
— איז דען עפּעס פֿאַראַן פֿאַר אים טײַערס,
ווי די שיף, ווי דער יאַם, ווי דאָס לאַנד!?

איז גרעבעניקאָוו שטיל צו דער פּאלוב,
ווי צו זײַן א געליבטערס הארצ
מיט זײַן בראָנזענער באק צוגעפּאלנ
אונ דערפילט: — ס'האָט א טרײַבל געפּלאצט!

אימ אינ קעסל באוווּסט יעדער שרויפּ איז,
אימ די היצ איז ווי קיינעמ באוווּסט.
אונ די רעגעס אינ אומרו זיי לויפנ,
איז ארײַנגיינ אינ קעסל — מע מוז!

ער וועט פּרוּווּנ צומ אָרט זיכ דערקלויבנ,
דאָס געפּלאצטע פּארטויבנ אונ — דאנ...
זאָל עס זײַנ קאָמאנדיר אימ דערלויבנ,
זאָל דערלויבנ אימ דער קאפּיטאנ!

מיט א ווּוּנק זיכ די אויגנ באריִרנ,
מיט א מוטיקנ דריק בא דער האנט, —
אונ דערפאָלג ווינטשעט דער קאָמאנדיר אימ,
א סיגנאל גיט אימ דער קאפּיטאנ.

נאָר גרעבעניקאָוו בלײַבט נאָכ א ווײַלע,
אפּנ קאָפּ נעמט ער דורכ יעדער צעל
פונעמ קעסל... דעמ אינגעווייד... אײַליק,
נ'צו מאטראָסנ ער ווענדעט זיכ שנעל:

— ברענגט אהער דעמ אסבעסטענעמ אָנצוג!
אלצ איז דורכגעקלערט, פּינקטלעכ אונ קלאָר;
באמ צעפּאָכעטנ פלאמ פונ קאָנסטאנצע,
באמ צעגאָסענעמ ליכט פונ קאיאָר

האָט גרעבעניקאָוו שנעל אָנגעטאָנ זיכ
מיט דער הילפ פונ מאטראָסנ פונ צוויי.
ס'האָט א ווינטל געגעבנ א בלאָנדזשע
אונ א מעווע אינ דר'הייכ — זיכ א דריי.

אונ אָט לייגט אפ זײַנ קאָפּ שוינ א בינט זיכ,
שוינ דאָס בראָנזענע פּאָנעמ פארדעקט —
ס'זעט גרעבעניקאָוו בלויז די עסמינצעס
אונ דעמ ווײַטנ, דעמ לײַבלעכנ ברעג.

21—6

ס׳גיסנ אָנ זיכ מיט מוט זייַנע טריט אימ.
— דאָס געצייַג! אונ קיינ רעגע ניט מער!
ער איז גרייט. אונ אינ קעסל צעגליטנ,
ווי אינ גענעמ אריַינגאנ איז ער.

אונ א וואלגער אפ אימ האָט געטאָנ זיכ
די דערשטיקנדע היצ אונ דער בראנד;
אפנ בויכ אינ דער פינצטער ער בלאָנדזשעט,
נאָר ער האלט שוינ די רער אינ דער האנט.

ער דערפילט, ווי די האָר זייַנע טראסקענ,
אונ די היצ ווי א בארג אפ אימ קריכט;
אָט דאָ איז עס, דאָס אָרט דאָס געפלאצטע, —
ער וועט גלייַכ עס פארטויבנ... אפגיכ...

נאָר די היצ גיט א קייַקל מיט קאס זיכ
אפ זייַנ גאָרגל, א וואָרפ — מיטאמאָל...
ס׳הערט זייַנ קאָל ווי פונ גענעמ זיכ: — וואַ-ער!
אונ אינ רויש ווערט דערטרונקענ זייַנ קאָל.

אלע ווייַל שטרעקט דעמ קאָפ ער נאָכ אָטעמ
אונ צוריק צו דער רער זיכ א לאָז.
פונ דער פאלוב באגאָסנ עס האָט אימ
מיט דערפרישנדנ שטראָמ א מאטראָס.

נאָר דאָס וואסער האָט גלייַכ אופגעזאָטנ
אונ זיכ בליצ-שנעל פארוואנדלט אינ דאמפ, —
מיט דער היצ פונעמ גענעמ באטראָטנ,
דער מאטראָס דארפ געווינענ דעמ קאמפ!

ס׳ווייסט גרעבעניקאָוו איינס — אז פארזאמענ
הייסט — דער גרונט פונעמ יאמ פאר דער שיפ!
איז מיט קויכעס מיט לעצטע — דעמ האמער
אינ דער דאמפיקער גליִענדער טיפ.

ער געייַלט האָט, די אָנמאכט — געטריבנ
אונ געשטויסנ די היצ פונ זיכ שווער.
א מינוט... אונ צוויי... אונ זיבנ...
אונ — באשטאט איז ווידער די רער!

ס׳גיט די היץ שוין צולעצט דאָרט א פרעס אים,
און דער דאמפ גיט צולעצט אים א שטויס —
דורכ דעם גאָרגל פון גלוטיקן קעסל
איז גרעבעניקאָוו זיגרייכ ארויס!

ס׳האָט די שיפ זיכ א גלייכ געטאָן ווידער
און פאנאנדערגעשפרייט זיכ צו שלאכט.
און גרעבעניקאָוו האָט, אזא מידער,
זיכ א וואקל געגעבן אָן מאכט.

ער האָט גאָרניט געזען פאר די אויגן,
ווי ס׳האָט יעדער מאטראָס אים באגריסט;
ס׳האָבן ליפן אין ווײ זיכ באוויגן,
ער געשטאנען איז קוים אפ די פיס.

אונטער הייסן אסבעסטענעם אָנצוג
א צעשפיליע געגעבן דעם הוק
און א פרווו — צי געבליבן דאָרט גאנץ איז
דער בילעט פון געטרייען קאָמיוג.

נ׳מיט געזעצטן, פארענדערטן קאָל דאָרט,
מער ניט שפירנד אין פוס קיין געשטעל, —
האָט גרעבעניקאָוו מורמלענד געמאָלדן: —
— אויסגעפילט, קאָמאנדיר, דעם באפעל!

און די שיפ האָט פאנאנדערגעשפאנט זיכ
און מיט זאלפן באפרייט זיכ דעם וועג.
אין דער ווייט האָט געפלאקערט קאָנסטאנצע
און געוואַרט האָט דער לייבלעכער ברעג.



טריפּטיך

1

די מאמע וויינט. זי זיצט באַם פענצטער נעבן סאַמע עק
און קוקט אין ווײַטן שנייִיקן געוויטער: —
אַהין, אַהין, ווי אַף אַ כאַסענע איז ער אַוועק,
אין דאָרף האָבן די ווײַנשלביימער פונקט געבליט דאַן...

אַ טשאַטשע פייגל שטאָלענע אין הימל פליט,
זי קוקט מיט אויגן, דורכגעגנעפּלטע פון טרערן.
געטרונקענע האָבן דעמלט זיך אין ווײַסן בליט
דער העלם זײַנער דער גרינער און דער רויטער שטערן...

זײַן פּאָנעם פּאָרשטעלן באַמיט זי זיך מיט ווײ,
זײַן קאָל באַמיט זיך אײַנדערשטיל זי צו דערהערן,
און אַף די עקן פון איר שאַלכל נידערן אַליין
דורכ איר פאַרשלאָסן מויל אַראָפּ די טרערן...

פאַרווונדעט איז אין שלאַכט ער זיבן מאָל געווען,
און זיבן מאָל האָט זיך באַ איר אַליין דאָס לײַב געריסן,
דעם בליק זי גיט אַ פיר איבער די ווענט, —
צי ניט אָט דאָ ערגעץ דערנעבן איז ער?!..

די שכיינים זאָגן אַלע אין איין קאָל,
אַז ס׳שעמט מיט אים דאָס לאַנד. אַזאַ מין טויט קעדײַ איז!..
נו, יאָ... ער האָט געהאַט אַ האַרץ פון גאָלד
און קינדער ליב געהאַט האָט ער דאָס כײַעס...

איר זון... איר מאַזל... און איר ווײ...
אין פלאַם, ווי קינדווײַז אַפן בוים, געקלעטערט;

ער וועט שוין קיינמאָל מער ניט אָנקלאפּן אהיים,
און אופוועקן פארפרי ניט הייסן קיינמאָל זיך שוין וועט ער...

אליין, זאָגט מען, איז ער ארופגעשפּרונגען אף א טאנק
און מיט דער ביקס זיי אלעמען דאָרט דורכגעבויערט:
— ווי נעמט זיך צו א מענטשן אזא גאַנג?
— ווי נעמט זיך צו א מענטשן אזא קויעך?

אזעלכע פּרעסט... אזא מין קעלט...
ניט אָפּגעגאנגען, זאָגט מען, איז ער ביז צו ענדע...
ער וואָלט פון זיי דאָך אלעמען געמאכט א טעל,
און מער קיין אומגליק אף דער וועלט וואָלט ניט געווען דאָך...

זײַן פּאָנעם פאָרשטעלן זי פּרוּווט זיך אין געדאנק,
זײַן אויסזען אין דעם גרינעם העלם און אינעם רויטן שטערן,
ווי מיט דער ביקס ער שטייט — א גיבער אפן טאנק,
נאָר פון די אויגן נידערן אין שאלעכל אראָפּ די טרערן

און ברענען איר ווי קוילן דורך דאָס הארץ,
און ס׳רײַסט פון הארץ ארויס זיך: — גאָט אין הימל!
פון פאָלק האָט צוגעשיקט א בריוו דער קאָמיסאר,
אז מיט א זון אזא וועט זיך דאָס גאנצע לאנד בארימען...

די טרייסט גיט ערגעץ אין דער ווײַט זי א פארטראָג,
נאָר ווידער גיט איר קאָפּ זיך שטיל א בייג אָן:
— וואָלט זי כאָטש וויסן, וואָס אזוינס האָט ער געזאָגט
פאר דעם, ווי ס׳האָבן זיך פארמאכט אף אייביק זײַנע אויגן?

זי הייבט זיך אוף און גייט צום שראנק.
וואָס דארף זי דאָרט? זי ווייסט אליין ניט.
זי שטייט און קוקט און גראָבט דעם קאָפּ ארײַן
און עפּעס מורמלט זי, נאָר ס׳הערן זיך געוויינען...

2

די שוועסטער קלײַבט פאנאנדער זײַנע בריוו,
א יעדער שורע קלעמט צונויף דאָס מויל איר,
זי האלט א סאָד בא זיך אין הארצן טיף,
וואָס פאר דער שטוב איז ער דערוויַילע נאָך פארהוילן.

אדורכגעטראכט בא איר איז דאָס שוין לאנג, —
די מאמע טאָר פון דעם אצינד ניט הערן, —

ניטאָ פאר איר קיינ העכערער פארלאנג
אונ ניט פאראנ פאר איר קיינ שענערע באגערנ.

זי גיט דעמ בליק איבער דער שטוב א פיר,
מיט אימ ווי עפּעס אויסנ פאר דער מאמענ איז זי.
אָט שרייַבט ער פונעמ פראָנט, פונעמ בלינדאזש, צו איר:
„וואָס פאר א גליק, מייַנ שוועסטערקע, זאָלסט וויסנ,

זיכ דורכדראפּענ באמ דייַטש אונטער דער סאמע נאָז,
אראָפּנעמענ די וואכ. א קוק אהער, אהינ נאָר —
אונ ס'איז באנאכט, אונ ס'איז אזא מינ פראָסט,
וואָס נאָר בא אונדז אינ רוסלאנד קאָנ מענ זיכ פארגינענ.

אהינ, אהער — אונ ביזנ האלדז אינ שניי...
זיכ ביז באגינענ אומקערנ — ניט בלאָנקענ.
אונ קיינער האָט דיכ ניט באמערקט פונ זיי,
אונ ניט געווארט האָט קיינער אפּ אנ אָנגריפ.

אונ נאָכ א יישעוול אונ נאָכ א דאָרפ
ארויסרייַסנ צוריק בא די פארדאמטע פּאראזיטנ,
כאָטש הוילע ווענט פונ סרייפעס טרעפסטו דאָרט,
אונ קינדער האלב-פארפרוירענע צעזייט אינמיטנ...

אונ נעמסט ארופּ א פּאָרל אפּ דער האנט,
א ביסל ווארעמקייַט דו גיסט זיי צו דערפילנ,
פארגעסט, אז גיינ איז נאָכ א וועג אזא פאראנ,
אונ זאָגסט פונ שלאָפ זיכ אָפּ אפילע".

איר דאכט, — זי זעט אימ גיינ מיט קינדער אפּ די הענט,
אָט דאָרטנ אפנ פראָנט צעווישנ טאָרטשענדיקע טרויבנ.
אונ רו אימ לייגנ פאָר פונ שטיבעלעכ די הוילע ווענט,
אונ יעדעס פענצטערל — דעמ ווײ פארטרויט אימ.

דאָס האָט דאָכ ער זיי אויסגעריסנ בא דעמ טויט,
זיי האָט באמ סוינע ער דאָכ אָפּגעשלאָגנ —
א בוימ נאָכ בוימ, א פּלויט נאָכ פּלויט,
אליינ — פּאָרויס אונטער א פייַערדיקנ האָגל!

זי לייגט דעמ בריוו ווי א געבאָט צו מויל צו אירנ צו,
די ווערטער ברענגט זי ווי פלאמענ פונ א שייַטער,

די אנגלען גיבן זיך באַ איר אַ צוק,
און אַז די מאַמע וויינט, דערזעט זי פֿונדערווײַטנ...

זי ווייסט, אַז דאָרט, ווו ער געפֿאַלן איז פֿון סוינעס האַנט,
פֿאַרבלײַען ווײַנשל איצט און ס'זײַנען דײַטשן שוין ניטאָ מער,
אַז ס'האָבן אים כאַווײרים אַף די הענט געטראָגן פֿונעם ראַנד
און אַז דאָס לעצטע וואָרט זײַנס איז געווען: — נעקאָמע!

און זי וועט אויכעט אויספֿילן אַצינדערט גיין
ווי אַ צאַוואָע זײַן פֿאַרלאַנג, וואָס לאָזט אין גאַנצן לאַנד זיך הערן:
מע דאַרף עס נאָך דער מאַמען געבן צו פֿאַרשטיין,
מע דאַרף עס נאָך דער מאַמען גוט דערקלערן...

3

דער פֿאָטער קוקט זיך לאַנג אַרײַן אין זײַן פּאָרטרעט,
די צוגן זײַנען שטרענג ווי קסאַוו פֿון אַ צאַוואָע.
דאָס קאַלטע גלאָז פֿון רעמעלע ער גלעט,
און ער פֿאַרשטעכט די האַנט אין די פּאָר צווײַגלעך כוואָיע,

וואָס צאַרט מיט זיי באַצירט האָט דעם פּאָרטרעט
די זאָרגנפֿוליקע שוועסטער נאָך אין אָנהייב ווינטער;
אים דוכט, אַז מיט אַ לעבעדיקן דאָ ער רעדט,
נאָר ערגעץ אַלע ווײַלע אין דער ווײַט פֿאַרשווינדט ער...

ער ווישט אַרום דעם שטויב, וואָס ניט מע זעט,
און זיך אַליין באַמערקט ער דאָרט ווי אין אַ שפּיגל.
און אָפּטיילן איז אַזוי שווער אינעם פּאָרטרעט,
ווו איינער איז אין אַנדערן אַרײַנגעזיגלט...

ער טראַכט, און קוים וואָס דער פֿאַרשטאַנד אים פֿאָלגט,
צי האָט מען ווירקלעך פֿון זײַן זון אַזוי געשריבן:
אַז ניט פֿאַרגעסן קיינמאָל וועט אין אים דאָס פֿאָלק
און אַז זײַן נאָמען וועט דערמאָנט ווערן מיט ליבע.

און שווער איז אים צו כאַפּן מיטן בליק:
אין דר'היים איז ער געווען, ווי אַלע, אים דערמאָנט זיך.
ס'ווײַזט אויס, אַז דאָרט אין פֿײַער אַף דעם קריג
איז ווערט דער מענטש אַן אַנדערער אינגאַנצן...

אָט ערשט ניט לאנג ט׳ער אים געהאלטן אפ די הענט — א קינד,
ווי ס׳היפּערן זיך שנעל די יאָרן איבער,
און ליב באקומט ער אים פונסנײַ אצינד,
אזוי ווי ס׳גאנצע לאנד האָט איצטער ליב אים.

און עפּעס וויכטיקער די מוטער זעט אים אויס,
און עפּעס זוכן הייבט ער אָן שוין אין דער טאָכטער.
אים דוכט — ער לײַכט פון אלעמען פון זיי ארויס,
ווי אין פּאָרטרעט — מיט אים איז ער אדורכגעפלאָכטן.

אים דוכט — זיי אלע לײַכטן זיך פון אים ארויס,
מאכשאָוועס יאָגן אפ אים אָן זיך אײַליק,
און אפ דער וואנט דאָס בילד פּונקט ווי א זייגער גלײַכט ער אויס,
וואָס האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט א ווײַלע...

ער כאפּט א קוק פון הינטערווײַלעכס צו דער שויב,
ווו ס׳זיצט די מוטער א פארזאָרגטע און א טריבע,
און גיט איר צארט א זאָג: — געגוג נו, שוין...
דאנק גאָט!.. א זון, וואָס נעמט די וועלט זיך מיט אים איבער!..

און ווישט א טרער זיך אָפּ אליין
פון זײַנע אלטע אויסגעקנייטשטע ברעמען,
און נעמט די בלאט, און גיט א לייען:
דעם זונס און זײַנער — ביידנס נעמען...

אפ וועמען אָנשפּארן דאָס לאנד זיך האָט,
און אָנשפּארן אפ וועמען האָט זיך אויך א טאטע:
— אזעלכע זין!.. א קלייניקײַט? איז דאנקען גאָט!
וואָלט ער כאָטש נאָך איינעם אזא געהאט דאָ...

און נאָכאמאָל א קוק צום פענצטער בא דעם עק,
ווו ס׳זיצט די מוטער שטיל, אין פּײַן פארהריזנעט:
— און טאָמער וואָס, וועט מען אליין אוועק
פארענדיקן, וואָס ער, דער זון, האָט ניט באוויזן!..



אין אָקופּירטן דאָרף

איבער די הויפן טראָגט דער אומעט פונעם שניי זיך,
ער קלאפט אין שטיבעלעך — אין יעדעס לויט דער ריי, —
אז אפן שניי וואלגערן מענגעסווײַז זיך מייסים
פון א צעקלאפטער דײַטשישער ארמיי.

דעם וועג באנאכט פארוויגט א בלינדע זאווערוכע,
די שטיבלעך וועקט א בלאָנדושענדיקער קנאל.
מיט צלאָמים דרײַ, אין בלוט פארפליוכעט,
שנײַדט דורך דאָס דאָרף א דײַטשער גענעראל.

א ווײַסער צווינטער האָט זיך אופגעהויבן פראָסטיק —
פארשנייטע בערג מיט קאסקעס לויטן ראנג;
ער האָט געײַלט, דער גענעראל, קיין מאָסקווע,
ער האָט געײַלט, דער גענעראל, אפ א פאראד!

אין הימל טיף — די שטערן טוקן זיך און צאנקען,
און אפ דער פראָסטיק-דורכגעשמידטער ערד
האָט א סאָלדאט געפירט א פארטיזאנקע
צום גענעראל אין שטאב אפ א פארהער.

— איז וויפל זײַנען זיי און ווו, די פארטיזאנער? —
די פארטיזאנקע גיט א פרעג דער גענעראל.
די פארטיזאנקע ענטפערט רויִק אים: — זיי זײַנען
פונקט ווי די שטערן, אומעטום און איבעראל!

אין דאָרף די קוימענעס ווי גאָרגלען צו דעם קוילן,
אין דאָרף — א טלִיע ווי אן ארקע פארן טויט.
די פארטיזאנקע האָט ער אופהענגען באפוילן,
באפוילן אויסקריצן א שטערן אפ איר הויט!

צו דער פאַרפאַנצערטער ניט־צוטריטלעכער מאָסקווע
זײַן בליק האָט בלאָנדזשענדיק געגעבן נאָך א לאָף,
און אָפּפּירן אפ דו האָט ער געלאָזט זיך
און שפּײַז פאַרגרייכן פאַרן שלאָף.

דער ווינט פאַרגלעט די אויסגעשנייטע וועגן.
א שטיקל אײַז פון שפּיץ בעריאָזע גיט א פאַל...
נאָר עפּעס שלאָפט זיך ניט אפ שטרויענעם געלעגער
אין דאָרף אין רוסישן דעם דײַטשן גענעראַל.

ער ליגט פאַרהילט, דער גענעראַל, אין זיבן דעקן,
און ווי א קראַנץ באַשײַנט זײַן קאָפּ א ווייכע שאַל;
— צי ס׳איז דער ווינט, צי מ׳איז געקומען פּלוצעם וועקן
אין דאָרף אין רוסישן דעם דײַטשן גענעראַל?

אין קאַלטן שווייס באַמיט ער זיך דערמאָנען
אפ בעט אפ שטרויענעם, דער דײַטשער גענעראַל, —
זי האָט געזאָגט, די פּאַרטיזאַנקע: — פּאַרטיזאַנער
זײַנען ווי שטערן, אומעטום און איבעראַל!

— ניין, ס׳איז דער ווינט! — גיט ער א הוסט אן אופגעשײַנטער,
פון ווײַט דערוואָרגענער זיך טראָגט א טויטע רו.
דער בייזער פּראָסט בלויז שלאָפגעטראַנק גיט אײַן דאָרט
בא דער קאַליטקע דעם פאַרפרוירענעם פּאַטרול.

אין דאָרף איז שטיל. ס׳באַגלייט דאָרט קיינעם ניט דער מוילעד,
פון שליטנס הערט אינערגעץ זיך קיין סקריפּ.
בלויז אפ דער טליִע סקריפּענדיק זיך הוידעט
די פּאַרטיזאַנקע — שמייכלענדיק און טריב.

זי קוקט, א הענגענדיקע, ווײַט צו די בעריאָזעס: —
דאָס איז איר דאָרף, איר היים, איר לאַנד...
פון אונטער שניי טראָגט זיך צו איר דער שאָרך פון גראָזן,
פון טריבן וואַלד — דאָס פּאַרטיזאַנישע געזאַנג.

זי הערט זיי גוט. דאָס גאַנצע פאָטערלאַנד זיי וועקן.
זי הערט די טריט. פאַר זיי גיט אַלץ זיך א צעפראַל;
זי הערט, ווי ס׳שלאָפט זיך ניט אפ שטרויענעם געלעגער
אין דאָרף אין רוסישן דעם דײַטשן גענעראַל.

ער האָט זיך אָנגעפּרעסן, דאַכט זיך, אַזוי ווײַט שוין,
אַז צו דעם האַלדז גייט אַלע ווײַל אים צו די שפּײַז;
דורך פענצטער קוקט אַף אים דאָס צווינטערדיקע דײַטשלאַנד,
און עפּעס פרעסט אים דאָ און מאָרדעוועט און בײַסט.

ער זעצט זיך אויף, האַלב־נאַקעט, מיט זײַן שאָטן,
און קראַצט דאָס לײַב מיט פיר צעקרימטע הענט;
אין שנײ די לאַנדסלײַט זײַנע ליגן דאָ צעשאָטן,
מיט בליק פאַרפרוירענעם צו מיזרעך־צו געווענדט.

— ווער האָט אַף שטרויענעם געלעגער אים פאַראַנקערט?
ער אײַלט אַף מאָסקווע! — גיט אַ גלי אין אים די גאַל;
די פּאַרטיזאַנקע ניט באַצווונגענע האָבן דײַטשלאַנדס טאַנקען,
און דאָ אַ לויז באַצווינגט אַ דײַטשן גענעראַל!

מיט איר פאַרמעסטן זיך ער קאָן ניט אין געשלעגן,
זי קריכט אַף אים, באַפעלנד, ווי דער טויט;
זי שלאָגט אים פּאָר, ער זאָל אַליין זיך מיט די נעגל
פון לײַב אַראָפּשינדן די ברענענדיקע הויט.

און ער — ער פאָלגט. די הויט ער פּאַטעוועט מיט ווייען,
ווי אַ פאַרהער ער וואָלט פאַר איר אָט דאָ געהאַט.
די צאָל זי פרעגט אים ניט פון דײַטשישע אַרמייען,
ווײַזט אויס, אַליין זי ווייסט עס גוט און אַקוראַט!

ער שטעלט זיך אויף און טוט אין אײַלעניש דאָרט אָן זיך,
ער לויפט אַרויס. פאַרשנייט די וואַך איז בײַ דער שטאַל.
און מיט די אויפגעפלאַמטע אויגן גיט אַ בלאָנדזשע
איבערן דאָרף דער דײַטשער גענעראַל.

אָט איז דער טליִע־שטאַנג, וואָס דײַטשלאַנד האָט געמאַכט דאָ,
און די געהאַנגענע נ׳אַ שנייִיקן וואַל.
אים דוכט זיך אויס, אַז אַ קאָמאַנדע הערט ער: — אַכטונג!
פון אַלע זײַטן איז פאַרקלעמט דער גענעראַל!

ס׳איז נאַכט, און שטיל, און וואָיענדיק, און פראָסטיק...
דעם גענעראַל גיסט זיך מיט גליווער אָן דער בליק:
— אויך די געהאַנגענע פאַרשטעלט האָט פון אים מאָסקווע
און איצט פאַרשטעלט זי אים דעם אָפּגאַנג אַף צוריק!

ס׳דעקט ווי א כופע-קלייד די אקסל צו דער שניי איר.
— וואָס האָט זי אימ אזוינס געזאָגט אפנ פארהער?
ער האָט קיינ קרעכצ פונ איר געהערט אונ קיינ געשרייען,
ווענ מ׳האָט געקריצט אפ איר דעמ שטערנ מיט א שווערד!

ס׳צעטראסקעט לײַב ער צו דער ערד וואָלט צוגעטוליעט,
נאָר ס׳האָט דער שניי אפ אימ פארלייגט זיכ מיט א נעצ,
אונ ווינטנ מאָרדעווענ אונ שטויסנ אימ צעהוליעט,
אונ יעדער לאכט פונ אימ אינ ווײַטנ ווי א לעצ

אונ וואָיעט אויס דורכ הוילע קוימענדיקע טרויבנ:
די פארטיזאנער — אומעטומ אונ איבעראל!
אונ מיטאמאָל — א שאָס דערלאנגט דאָרט א פּאָרטויב אימ,
אונ בא דער טליִע פאלט אוועק דער גענעראל!

איבער די הויפנ גייט דער אומעט ווי א וואנדערער,
ער קלאפּט אינ שטיבעלעכ — אינ יעדעס לויט דער ריי;
אינ שניי מיט לאנדסלײַט זײַנע וואלגערט זיכ באנאנד דאָרט
דער גענעראל פונ א פארטיליקטער ארמיי!

— געוועלבטע בערג הארוגימ, אכטונג!
— צעפיקטע שארבנס, — אופ! אינ ערנ-וואכ!
דער גענעראל האָט זיכ פארשלאָפנ דאָ אפ נאכטלעג,
ער וועט ניט אופשטיינ אפנ דורכקוק פארנ שלאכט!

ס׳וועט מאָסקווע קיינמאָל שוינ ניט כאָלעמענ זיכ מער אימ.
בלויז מיטנ קייווער זיכ באנוגענענ וועט ער,
אינ זײַנע ציילע:ס זיכ פארפּוצנ וועלנ ווערעמ —
אינ א רוסיש דאָרפ אינ א באפרײַטס — אונטער דער ערד!

★✦★

נאטיורמאָרט

א שארבנ פונ א פערד, געפאנצערט מיט א קאסקע,
א קאָפּ פונ א יעפרייטאָר, גריוועדיק אונ געל,
איניינעמ פוילנ אינ א קאליוזשע — צעכראסטעט,
פארדעקטע מיט א גרינעמ דײַטשישנ שינעל.

זיי שלאָפנ נאזנדיק אינ זומפּ פארוואונדערט,
פונ גרונטנ שוימיקט שימל זיכ צעגרינט;

דער פּרילינג בעט מיט קויט צעטײַעטנ זיי אונטער,
אונ ס׳רײַסט די דעק אראָפּ פונ זיי דער ווינט.

ס׳באהויכט זיי טויטערהייט צום ערשטנ מאָל ביזאָיענ.
די ציינ — אנטבלויזט, נאָר אָנמעכטיק צו טאָנ א ביס.
צוקאָפּנס קוקט זיכ שטיל אינ זיי א קראָ אײַנ
אונ קערט מיט עקל אָפּ פונ זיי דעם פּיסק.

אינ א צעלייגטנ דעמב זיכ קראצט א טאנק א קריפּל,
דאָס זשאווערדיקע אינגעווייד ווי גאל פונ אים דאָרט טריפט;
מיט בלאָטע אָנגעשטאָפּט דער בויכ איז אונ די ריפּנ,
צעדרייטע ציינ-קאסטנס — פארכליופּעט אינ א ריוו,

אנ אויסגעסאדערטנ מיט פלעשער פונ שאמפּאניער,
מיט מאסקעס קעגנגאזיקע אונ קעלישעקלעכ פאר קאָניאק, —
דאָס איז דער איבערבלײַב פונ פאָלק „גערמאניע”,
וואָס איז א שיקערער געגאנ אפּ מאָסקווע, ווי אפּ יאגד.

ס׳איז שטיל אינ וואלד. קיינ פייגלשעס געהאווענ.
ווי קוואָרימ קוקט בלינדאזש זיכ אײַנ אינ א בלינדאזש;
דער וועג זיכ שפּרייט אפּ וועסט פונ מאלאָיאראָסלאוועצ,
דער וועג פונ בראָכ, צוריקלויפּ אונ פונ אש.

זיי האָבנ ווינטערנ אינ וואלד געקליבנ זיכ א ווינטער,
סילוועסטער דאָ באגערט באגעגנענ האָבנ זיי.
געגאנגענ זײַנענ בייזע רוסלענדישע ווינטנ,
באלאגערט האָט זיי דאָ דער רוסלענדישער שניי.

נאָר שיקער זיכ געשוימיקט האָבנ האָפערדיקע טאָסטנ,
מיט טרערנ אונ מיט וויי פונ קינד-אונ-קייט,
פאר א פאראד-אליי א בלוטיקער אינ מאָסקווע,
וווּהינ עס האָט גערמאניע זיי באַגלייט.

בורגאָנער ווײַנ, קאָנסערוונ פונ נאָרוועגנ.
אונ זעקס-אונ-נײַנציקער, אונ רוסלענדישער שפּעק,
אונ בריוו אהיימ מיט צוגעזאָגטע רוסישע פארמעגנס,
מיט אדרעסנ קיינ מאָסקווע — אפּ צוריק — דירעקט!

אונ ס׳האָט דער ווינט געלאכט, צעקאטשענדיק די ביימער,
דער ווײַסער רוימ פונ אָפּהילכ האָט געפּלאצט:

די בריוו ניט אָפּגעשיקט פון וואַלד אַהיים מער,
געיײַלט זיי אָפּשיקן דירעקט פון רויטן פּלאַץ,

און — מיט אַ ריוו זיי האָבן זיגרײַך זיך באַנוגנט,
אַ קייוועך אין אַ קאַליוזשע — האַרכאָוועדיק, באַם וועג,
אַ ציילעם פון אַ טאַנק, דאָס וואָיען פון אַ וויוגע
און דער שינעל דער גרינער פאַר אַ דעק.

ס'איז שטיל אין וואַלד. דער פרילינג קישעפּ פראַוועט,
צום אַקער און פאַרזיי איז גרייט די ערד;
דער וועג זיך שפּרייט אַף וועסט פון מאַלאָיאַראָסלאַוועץ,
דער וועג פון צוריקלויפן אָן פיס און אָן דער שווערד...

———— ★✦★ ————

טראָפּייען

זיי טראָגן בלינד אַף זיך די גווירלדיקע דאַטן,
ווי איידעס — גרייט פאַר יעדן צום פאַרהער;
אָט זײַנען זיי, די שוואַרצע גאָרגלען פון האַרמאַטן,
דערוואָרגענע מיט אונטערמאָסקוועדיקער ערד!

צו בלוט און בראָך זיי זײַנען מער ניט דאָרשטיק,
דעם גיר אין וועג געשטילט האָט זיי דער שניי.
פאַרקריפּלט שטום דערציילט אַ יעדער בראָכשטיק,
ווי ניט דערקראָכן אונטער מאָסקווע זײַנען זיי!

אין שטרענגער שטילקייט פון בעסאַלמענדיקע רייען,
ווי מייסים שטאָלענע באַ קוואָרים אַף דער וואַך, —
רוען אין זאַלן פון מוזיי די דײַטשישע טראָפּייען
אַף פּאָסטאַמענטן אייגענע פון בראָך אין שלאַכט!

צעקרימט געווער און זשאַווערדיקע ציילעמס
פון האָרדעס בלוטיקע, אַף טויט-פעלדער פאַרוויגט,
וועלן אין טרויער דווירעסלאַנג דערציילן,
ווי מ'איז געגאַן פון אונטער מאָסקווע אַף צוריק.

אונטער אַ גלאָז, גלײַך ווי פאַרספּירט וועט אין סלויען,
וויגן שינעלן זיך אַף העלצלעך אַקוראַט.
מ'האָט זיי געפּרעסט און זיי דעם קאָוועד אָנגעטרויעט,
אַז אָנטאָן זאָלן העקערס זיי צו דעם פּאַראַד

און אומבאַזיגט אַדורכמאַרשירן מאָסקווע
מיט שאַרבנס בלאַנקענדע אַף אַרבל צוגענייט.
מיט קנעפּ זיך אומעטיק זיי וויגן אונטער גלאָז דאָרט,
פּונקט ווי טאַכריכים גרינגע פון דער דײַטשישער אַרמיי.

די שטילקײַט אין מוזיי ז׳מיט שלאַכטיקײַט באַטרונקען,
אַ גאַוביצע צו דר׳ערד גיט זיך אַ בויג,
אונטער אַ פליגל אַ צעקנייטשטן פון אַ „יונקערס״
דרעמלט אַ טרויב באַנאַנד דאָרט מיט אַ פויק.

עס האָט דער טויט אַף זיי געשפּילט איבער אייראָפּע,
איבער געקעפּטע און צעטראָטן-וויסטע שטעט.
פאַרוואָס באַגינט ניט דער פּאַראַד? וואָס איז דער אָפּהאַלט?
ס׳ווערן געוונטשן די מאַזשאָרן, מאַיעסטעט!

פון ווינקל קוקט, אַראָפּגעלאָזט אין טרויער,
אַ ברוינע פאָן — אַ שאַרבן אין דער מיט;
ס׳זאָל זײַן אַ שפּין, וואָלט זי געקאָנט זיך אים פאַרטרויען,
ווי מ׳האָט פאַר מאָסקווע זי געניייט און זי געהיט,

איצט, ווי אַ ראָב צווישן בעסאַלמענדיקע רייען,
שטייט זי אין זאַל, באַלויכטענעם מיט פּראַכט,
וווּ ס׳שטייען אויסגעשטעלט די דײַטשישע טראָפּייען
אַף פאָסטאַמענטן אייגענע פון בראָך אין שלאַכט.

—— ★✦★ ——

אַ צווינטער אַפן יאַם־דעק

פאַרגעס דעם וועג צוריק, געפּאַנצערטער פּיראַט,
ווען שווימסט אַרויס אַף מאָרד און רויב און אַף געפּלעטן,
צולעצט באַקוק דעם ברעג, אַ צייל׳עם זיך באַשטאַט,
דו וועסט אים מער ניט זען און קיינמאָל ניט באַטרעטן!

געזעגן זיך אַף שטענדיק מיט דײַן ברוינעם סאַם!
ווי שווערדן זײַנען כוואַליעס שוימיקע געשליפן.
אַ צווינטער ליגט צעוואָרפן אַפן דנאָ פון יאַם,
און קאַסקעס, אָנגעטאָן אַף מאַסטביימער פון שיפן.

זיי וואַרטן דיך אין אונטערוואַסער־דיקן רײַך,
צעשטעלט אין אַ פאַ־גליוווערט-טויטער וואַך דאָרט,

דערקלערן זאָלסטו זיי, וואָס פאַר א לאַנד אזא ערייכט
זיי האָבן זיגרייך אין די יאַמעדיקע שלאַכטן.

קיין ווידערשטאַנדן מער זיי טרעפן דאָ ניט אָן,
דער קאַנט — באַהערשט, ענדגילטיק צוגעפּאַסט זיך;
איבער די מייסים וויגט זיך פלאַטערדיק די פאָן,
א טשערעפּאַכע קריכט אף דער צעווייקטער סוואַסטיק...

פאַרבראָכן הוידען שיפן זיך אין טויטן רוף,
מיט וואַסער-וויקס פאַרפּלאָנטערט און פאַרזונקען.
לעם יעדן איינעם — מיטן בויך אַרוף,
ווי א צעקוועטשטע זשאַבע, וואַלגערט זיך א „יונקערס".

בא דעם שטורוואַל געבויגן דרעמלט א פּילאָט,
אים דאַכט זיך אַלץ נאָך, אז ער פאַלט אין נידער;
נאָר קיין סיגנאַל: „אין לופט" שוין מער פון ערגעץ ניט באַדראָט.
די פלאַכן אופהייבן און זיי פאַנאַנדערנעמען ווידער.

בא יעדן רודער זיצט א טויטער קאַפּיטאַן.
ער קוקט מיט אויגן גלעזערנע און קאָן זיך ניט דערמאַנען
דעם גראָדן ווײַטערדיקן קורס פונדאַן,
און ניט דעם טריִומפאַלן צריק-רייס קיין גערמאַניע.

געשווומען זײַנען טראַנספּאָרטן, באַוואַכט געטרײַ,
געזען זיי האָבן דורך בינאָקלען שוין די ווײַטע פיאָרדן.
געשווומען זײַנען זיי, באַלאָדענע מיט בלײַ,
אף כאָרעוו מאַכן שטעט, אף אופרײַסן און מאָרדן.

געשווומען זײַנען זיי אף א פּאַראַד פון טויט
מיט שאַרבן אין דער הייך דורך גרענעצן און ראַנדן
באַגעגענען דאָס לאַנד מיט פעך און שרויט
און אין בעסאַלמענס דערפער בליִענדע פאַרוואַנדלען.

נאָר ס'האָט א האַפן אפן וועג געעפנט זיך מיט פלאַם,
באַגעגנט זיי אין אָפּגרונט האָט דער טויט מיט אַן אַסיפע, —
א צווינטער ליגט צעוואָרפן אפן דנאָ פון יאַם,
מיט קאַסקעס אָנגעטאָן אף מאַסטבוימער פון שיפן.

צו יעדן ריר זיי הערן צו זיך אַקוראַט
און קאָנען קיין גערמאַניע ניט דערגיין צוריק די וועגן.

— פארגעס, פארגעס דײַן היים, געפאנצערטער פיראט,
און מיט דײַן ברוינעם גיר אף שטענדיק זיך געזעג:!

דו וועסט אינערגעצ ניט דערשווימען צו קיין ברעג,
ווי ס׳זאָל די וואך דיך ניט פארדעקן און פארטײַען.
וועסט אויסברעכן אין יאם דײַן רויבעריש פארמעג,
דײַן רויבער-שיף וועט פריר זיך אָנעסן מיט פײַער.

מאטראָסן טשאטעווען אף דיר פון ברידער-לאנד,
געוואג איז זייער וועג און רום איז זייער מאמע.
פארקישעפט האָבן זיי דעם גיפט אין מויל באם שלאנג,
באצווונגען האָבן זיי דעם טויט אין טיף פון יאמען.

זיי שטארבן ניט. דאָס לעבן גיבן זיי אוועק,
זיי גיסן איבער זיך ווי בלוט אין לאנד, ווען נאָר זיי קענען.
עס האקט דער טויט ניט איבער זיי דעם וועג,
ווײַל זייער הויכן מוט דער טויט איז אונטערטעניק.

פארפלייצנדער פון יאם איז זייער צאָרנדיקער דראנג
און שטארקער זייער האס פון טויט איז און פון פײַער.
ניט גיפט מיט דײַנעם, שווימענדיקע שלאנג,
פארגיפטיקן זיי וועלן דיך, פארניכטן דיך אינדרײַען.

די ביינער דײַנע אויסשפײַען דער אָפגרונט וועט,
ווי ס׳שפײַען פיש אונטערן וואסער אויס דײַן פעל דאָרט, —
פאר יעדן בערגל אש פון אונדזערע פארברענטע שטעט,
פאר יעדן זאנג פאר דעם צעטראָטענעם אף פעלדער!

א קראָ אין מויל טראָגט קיין גערמאניע א בלאט,
אז צוגעדעקט איר שאנד דער יאם האָט איבער ברעגן.
— פארגעס דעם וועג צוריק, געפאנצערטער פיראט,
און מיט דײַן אָנגעהעריקײַט צו מענטשן זיך געזעגן!

★✦★

דער געפאנגענער

קיין פראגעס ניט פאראנען זײַנען מער.
עס זײַנען אויסגעשעפט שוין אלע, ביזקל איינער, —
נאָר ס׳קומט ניט קיין באשייד: — מע האָט דאָך צום פארהער
קיין כײַע ניט געשטעלט און ניט ארויסגערופן קיינמאָל!

האָט מען דען ווען־ניט־איז געפּאָדערט פליכט באַם שלאַנג?
צי פון שאַקאַל אַן ענטפער זיך דערוואַרט מע האָט דען?
האָט מען באַם וואָרעם ווען אַמאָל באַווײַזן דען פאַרלאַנגט,
צי האָט מען בא דעם וואָלף דערקלערונגען געפאָדערט?

האָט ווער אַמאָל געוואָרט פון דער היִען פאַרשטאַנד,
און סייכל — בא די ווילדע אײַנוווינער פון שטײַנער?
פאַרוואָס זשע שטעלט מען שײַלעס זייער שטאַם,
וואָס האָט די מיִעסטע פון זיי באַוויזן איבערשטײַגן?

געוויס איז דעם שאַקאַל צום האַרצן — רויב,
און דער היִען — איבער בעסאַלמענס הערשן;
עס גיבן זײַנע ציין־קאָסטנס זיך טעמפּ אַ הויב,
זיי מאַלעגיירען דורך צו ענדע דעם פאַרהער שוין:

— ס׳אַרא גענוס צו קריכן אויפן בויך!
אויף קוואָרים־צייל'עמער געוועלטיקן און גרויס זײַן!
אויב ניט קיין שטאָלץ פון אָדלער אין דער הויך,
איז ווי אַ שלאַנג אַ פּעסטנדיקע פויזען!

די האַק איז שאַרפער פון געדאַנק,
און גיפט איז איבערצײַגנדיקער פון געוויסן!
די אויגן בא דעם מענטש האָט אויפגעשפּאַרט די שלאַנג
און זי וויל זיי בא אים צוריק פאַרשליסן!

זײַן בליק איז אויסגעהוילט און שווער,
מיט גיר באַזויפן איז זײַן מאָרדע:
אַ מענטשן דו דערזעסט — דערווערג!
אַ דורכגייער — דערמאָרדע!

ניטאָ וואָס צו פאַרשטיין,
ניטאָ וואָס צו דערציילן,
ווער ס׳מאַכט עס מיט אַ שווערד, ווער מיט אַ שטיין,
ווער כ׳ט אַ ציילעם.

האָט ווער אַמאָל פון היישעריק געוואָרט פאַרשטאַנד?
געפּרוּווט האָט עמעץ דען די שלאַנג מיט יוישער איבערצײַגן?
פאַרוואָס זשע שטעלט מען שײַלעס זייער שטאַם,
וואָס האָט די מיִעסטע פון זיי באַוויזן איבערשטײַגן?

א קויל קאָן עפשער דורכדרינגען אין מארך
פון א מעטורעפּ־יקער בלוטדורשטיקער כײַע,
זאָל גיך דער קיִוער אפ זיי טאָן זיך א פארמאך,
זאָל זיך די אויסגעפלאָגטע ערד פון זיי באפרײַען!

——— ★✦★ ———

געפאנגענער פאשיסט

טעווטאָנער שטאם מיט הערנער און מיט טלאָ,
די שײַן און שטאָלץ פון מינכענער קאבאקן, —
די אויסגעשטאָלטע שרעק פון קאט און גלאָמפּ
מיט קרייצן, אויסגעקריצט אפ טעמפּן האלדז־און־נאקן, —
ער האָט דאָך ערשט נאָרוואָס געפּאָכעט אין דער לופט
מיט שפיגלדיקן מעסער פריילעך איבער העלדזער,
אין איצטער פּאָכען זיך אין שרעק די הענט זײַנע ארופ,
ווען צין געפאר געשטעלט האָט אפ א ווײַל זײַן פעל זיך!

די הענט — אין דר׳הויך, דער ציילעמ — אפ א זײַט,
די ביקס — אין קויט, און די שווארצאפלען לויפן;
ס׳גייט אין א רעגע דורך פאר אים די גאנצע צײַט,
זינט ער מיט מאָרד און רויב האָט זיך באזויפן,
זינט ער האָט זיך געלאָזט אפ לײַכטן ברויט
מיט מעסער קעגן פרוי און קינדער קליינע.
איז וואָס זשע ציטערט ער אזוי עס פארן טויט,
דער ריטער פונעמ שארבן און צונויפגעלייגטע ביינער?

ער האָט געוויס ניט אויסגערעכנט שטיין אפן פארהער
מיט זײַנע הויכע מיליטערישע טראָפּייען,
וואָס אָנגערויבט בא טויטע אפן פעלד האָט ער
און אויסטאָן זיך געלאָזט דערפאר זײַן פּאָרטופּייע...
איצט — אָן דער האק — דערמאָנט ער א שטיק ליימ,
פון בלוט צעווייקט, אין קויט אן אײַנגעריכטע.
עס קאָנען עפשער ווערעמ ברוינע אלערליי
פון אים ווי גיפט און גאל זיך א צעקריך טאָן...

עס דוכט, אז ס׳קאָן אזא ארויסשלעפן פון טאש
א ביילעך פלייש פארבלוטיקטס פון א הערעג,

זיך שטעלן קײַען טעמפּ און סליונעדיק, מיט ראש
און אלץ ארום באקוקן ווי געהעריק
מיט פאכעד פינצטערן פאר העלן טאָג,
מיט אומבאגרײַפלעכקײַט פאר שטערנדיקע הויכן,
און זיך פארוווּנדערן — פארוואָס ער זעט ניט דאָ
קיין אײַנפארשטאַנד צו זײַנע גענגלעכע געברויכן?

עס דוכט: עס קאָן אזא די ערד א טאפּ טאָן מיטן מויל
און קניִענדיק דאָס מיסט א שמעק טאָן און א שנאָרע,
און אָפּגעטאָן פון אלץ, פארשטאָפּט און פויל,
זיך אויסציִען נ׳א הייל און זיך פארגראָבן אין א נאָרע.
ער האָט געוויס ניט אויסגערעכנט שטיין אפן פארהער,
די ווערק פון זײַנע הענט פאר אלעמען פארהאָלען;
עס באָמבלען זיך געוויס אין קאָפּ בא אים די נעכט
פון מאָלצײַטן פון בלוטיקע אין האָלאנד,
די וואקכאנאליע אפ גאסן פון פאריז,
דער טויטן-טאנצ פונעם געקעפּטן פוילן,
וואָס ער האָט הוליענדיק געטראָטן מיט די פיס,
דאָס אויסגעטאָנענע און הוילע...

עס דוכט: צו אים דערטראָגט אצינד זיך דאָס געשריי
פון קינדער, צוגעטוליעטע צו מוטערס שויסן,
וואָס ער האָט, אין פארווײַלונג, לעבעדיקערהייט
אין קוואָרים אופגעגראָבענע געשטויסן...
א מידקײַט ברעכט, דאכט זיך, ארונטער אים די קני
און בייגט דעם קאָפּ אים אויס ווי בא א ווערבע;
— צי הייבן זיך ניט אופ פון דר׳ערד אנטקעגן אים
די טעכטער די געשענדעטע פון סערביע?
ארום אים ווערט אלץ פינצטערער און שווארצער,
א פעל באלייגט א ברוינע אים ווי מאָך.
עס קאָן דאָ נאָך ווי א שאקאל צעוואָיען אין דער נאכט זיך
זײַנע טעמפּע בענקשאפט נאָך פארצוקונג און נאָך מאָרד!

און אים איז עס געוועזן באפעלט
אין נאָמען פון טעווטאָנישע געוועלטיקער און הענקער
פונסנײַ איבערצוענדערן די וועלט
נאָך פיל יאָרטויזנטן פון שאפן און פון דענקען...

ער קוקט, ווי אומפארשטענדלעך וואָלט עס אים געווען,
פארוואָס מע לאָזט אים דאָ ניט הארגענען און קוילען...
אפּ וואָס דען אנדערש דארף ער זײַנע הענט?
וואָס האָט מען נאָך דען אים פארזאָגט און אים באפוילן?
מע האָט עס מיט פּאראד באקרוינט דאָך: — נײַע וועלט!
מע האָט עס דאָך דורך טויט געמאָלדן: — נײַע אָרדענונג!
און דאכט זיך, מיט דערפאָלג איז ער אריבער שוין איר שוועל
אינאיינעם מיט דער גאנצער האקנקרײַצערישער האָרדע,
און אײַנגעפונדעוועט אין איר זיך טיף
און ביזן סאָף זי ענדערן מיט רום ער טרעט דאָך,
ער האָט אפילע אָנגעשריבן שוין א בריוו
צו זײַן געליבטער פלאקסנהאָרעדיקער גרעטכען:

— „דו בעטסט, איך זאָל דיר שיקן א מאנטאָ,
זי פון א יידישקע ארויפשלעפן, מײַן ליבסטע, —
אָט, האָב איך דיר, מײַן טײַערע, צוליב געטאָן.
די זאכן זײַנען נעטע, זייער היפּשע.
די צירונג איז פון ריינעם גאָלד,
פונקט ווי דער אָפּשטאם אונדזערער פון ריינעם בלוט איז.
איך וואָלט אָפּסענדערן דיר נאָך עפּעס געוואָלט,
נאָר ס'איז קיין צײַט ניטאָ. איך וועל שוין זעלבער ברענגען אלעס גוטעס,
און דער מאנטאָ איז פראכטפאָל, פוטער ביזן לאצ.
און נאָך האָב איך געפּאקט פאר דיר א ביסל זײַדן גרעט דאָ.
פארבלײַב מיר טרײַ. איך קיסע דיך, מײַן שאצ,
מײַן הייסע פלאקסנהאָרעדיקע גרעטכען!

די יידישקעס — זיי גיבן פון זיך אלץ, —
נאָר נעמען איז אפילע גרינגער
די האלדזבאנדן אינאיינעם מיטן האלדז,
די פינגערלעך — אינאיינעם מיט די פינגער!
ס'איז פריילעכער אזוי, אונד — אכטונג מער!
און פורכטבאר אמוזירנד, דאָנער־וועטער!"
ער האָט ניט אויסגערעכנט שטיין אפן פארהער
ווי א צעוויקטער גוילעם א געפּלעטער.

——— ★✦★ ———

דאָנער־וועטער!

ס'איז אים פארגאנ דער טאמ פונ צוגעדעמפטנ אָפּ,
א ביינדל אויסנאָגנ האָט אים מיט בלוט פארגלוסט זיכ,
האָט ער באשלאָסנ אינ קאָלוירט צו טאָנ א לאָפּ,
געווארעמט א קאמייע האָט ניט-צוטריטלעכ די ברוסט אים!

אים מיטגעגעבנ האָט זײַנ קאלע די קאמייע אפנ קריג,
באשיצנ זאָל זי אים, ווענ שינדנ עמעצנ פאר איר ער וועט דאָרט...
ניט צושטיינ זאָל קיינ קויל צו זייער האָכצײַטיקנ גליק,
נאָר אים האָט זיכ פארגלוסט געבראָטנס — דאָנער-וועטער!

דער פעלו-בינאָקל זיצט שוינ אפ זײַנ נאָז,
אונ צו די אויגנ דעמ קאָלוירט דעמ גאנצנ ציט ער;
— אָט וועט ער, דאָנער-וועטער, גלײַכ זיכ טאָנ א לאָז!
נאָר עפּעס לאָזט זיכ דורכנ לײַב אים דורכ א ציטער.

דאָס דאָרפ איז אָפּגעברענט אונ ליגט פארטײַט,
איינ אָפּ שפּאצירט איבערנ וועג, א פויגל — פרימע!
ער גייט, דאכט זיכ, אליינ צו אים. ער איז שוינ דאָ ניט ווײַט.
— וואָס טוט מענ, דאָנער-וועטער, גאָט אינ הימל?!

ניט ווײַט פונ דאָרפ דערטראָגט זיכ אלע ווײַל א גרוס.
אינ קאָרנ ליגט ערגעצ פארשטעקט א רויטארמייער,
האָט דער אריַער זיכ א טאפּ געגעבנ שנעל די ברוסט —
ניט צולאָזנ קיינ קויל צו אים וועט זײַנ קאמייע.

נ'דער האָנ — ער גייט! ער ווערט אלצ נעענטער יעדע ווײַל,
ער איז שוינ אָט-אָט-אָט! נאָר מיט די הענט אים נעמענ!
האָט זיכ דער האָנענ-יעגער גלײַכ געטאָנ אנ אײַל,
אָט וועט ער מיט די פינגער אים א כאפּ טאָנ אונ פארקלעמענ!

ער ציילט די טריט אונ שפּירט שוינ דעמ געגנוס,
וואָס ער וועט האָבנ אינ זײַנ בלוטדאָרשטיקנ צוריר,
ער שפּאנט אונ כריפּעט: — גיב זיכ אונטער, רוס,
איכ וועל גענאָד פאר דיר באמיִענ זיכ באמ פירער!

ער ציילט די טריט. ער כאפּט די הוט.
דער האָנ צוריק. נאָר באלד וועט ער אימ פאנגענ —

עס האָט זיך קיינמאָל ניט אנטפּלעקט אזוי זײַן מוט,
ווי דאַן, ווען ער האָט מיטן האָן געלאָזט זיך אין געראַנגל!

און אים געפּאַקט! געפּאַקט אים פאַר א כּוס!
און האַלט אים פעסט. די פליגל פאַטשן ראַש פאַר זײַנע אויגן;
נאָר פלוצים האָט א קויל א פּיק געטאָן זײַן ברוסט,
און ער האָט אין דער גאַנצער לענג זיך אויסגעצויגן.

אַך, דאָנער-וועטער! — ט'ער א וואָרף געטאָן דעם קאָפּ צולעצט, —
אַזויפיל בלוט און אויפּעס, לענדער און געשלעגן!
ער האָט פאַרשטאַנען גוט, דער טעמפּער ווערגעלעצ,
ווי זיך מיט מי מיט פרעמדער צו באַלעקן...

ווי עפּעס לעבעדיקס האָט ער געוואָרגן ווי א טכויר,
געשטיקט מיט יעדן טראָט, פאַרגוואַלדיקט און געמאָרדעט,
געשונדן לײַב פון ביין, געקוויקט זיך מיט דעם גרויל
און אָפּשיקן זײַן קאַלע עס באַדאַרפט דערנאָכדעם.

זי האָט מיט אומגעדולד געוואַרט. אין יעדן בריוול אים געהאַלדוט.
די מאָס פון אירע פּיס אַרײַנגעלייגט אין מויל אים.
ס'גייט בליצשנעל דורך אים פאַר די אויגן אַלץ,
די זיסע האָניק-טעג פון רויב און מאָרד אין פּוילן,

די נעכט די שיקערע ב'געפאַנגענעם פּאַריז,
ס'געוויין פון קינדער אין דערשטיקטן האָלאַנד...
ער האָט געפרעסן אַלץ, — ווי נאָר געטראָטן ס'האָבן זײַנע פּיס,
און אומעטום האָט די קאַמייע אים געהיט פאַר א מאַפּאָלע.

און איצט איז ער געלעגן שטיל מיט אָפן מויל,
דער האָן האָט איבער אים ניט אויפגעהערט צו קרייען.
די רויטאַרמייִשע, די פּראָסטע קויל
פאַרשטייט קיין כאָכמעס ניט פון א פאַשיסטישער קאַמייע!

געמינטערט האָט דער האָן דעם קורלאַפּנעם העלד,
געריסן זיך פון טויטן קלעם- פון זײַן באַצווינגער;
נאָר ס'האָט אָפּ אים אַראָפּגעהויכט א יענוועלטיקע קעלט,
ס'האָבן מיט גליווער אָנגעפילט זיך זײַנע פינגער.

צו נאַכט פאַרשטילט געוואָרן איז דער האָנען-קריי,
צו נאַכט באַפאַלן האָט דעם האָן א הונגער.
האָט ער דעם פּיסק געטאָן פון זײַט צו זײַט א דריי,
נאָר דער נעווילע-ריי'כ האָט אים זיך אָפּקערן געצווונגען.

א מינהעג

זיי האָבן ליב מיט גרויס פאַראַד און קנאַק
פאַרכאַפּטע אויפעס פּרעסעריש פאַרניכטן,
נאָר עס באַקומט זיי ניט קיין טראָפּן דער געשמאַק,
ווען רויטאַרמייער וואַרעמען זיי אָן מיט אַרטילעריע די געריכטן.

זיי ווערן אופגעבראַכט און בייז ביז גרויל,
דאָס בלוט דאָס נאָבעלע הייבט אָן באַ זיי צו יערן;
געוויס איז אַ געדעמפּטע גאַנדז געשמאַקער פון אַ קויל,
וואָס ס׳שיקט אין מויל צו זיי די רויטאַרמייערישע אַרטילעריע.

וואָס קאָן מען טאָן? אַ מינהעג איז אַזאַ אין לאַנד —
מ׳ט געסט מיט אומגעבעטענע באַגייען זיך וואַרעם,
אַז פאַרגעדענקען זאָלן זיי עס פלײַסיק און אַף לאַנג,
אַז מער זאָלן זיי קיינמאָל זיך אַהער ניט שפּאַרן.

זיי זײַנען צוגעוווינט אַרײַנגיין אין אַ דאָרף,
ווי נאָך אַ קרענק מיט גיר אַ וואָלגער טאָן אַף אַלץ זיך.
נאָר עס באַקומט זיי ניט דער ביסן ווי ס׳באַדאַרף,
ווען רויטאַרמייער זיי די שפּײַז מיט אַ שראַפּנעל באַזאַלצן.

זיי ווערן אופגעקאָכט. זיי קריכן פון דער הויט.
זיי זידלען זיך אין קאַס מיט אויסגעקרימטע מײַלער;
געוויס פאַרדײַעט שמאַלץ געשמאַקער זיך פון שרויט,
וואָס מאַכט דעם מאָגן שווער און טרײַבט אַף יענער־וועלט אים אײַליק...

וואָס קאָן מען טאָן? אַ מינהעג איז אַ זאַך,
וואָס איז געוווינט, אַז אויספּירן מע זאָל געניי אים,
געדענקען זאָל מען אים, ווען צײַט פאַרגייט אַ סאַך,
ב׳דערמאָנען זיך אָן אים זאָל שווער זײַן אומגעהויער.

און זיי? זיי גייען אויס נאָך אַ געשמאַקער שפּײַז,
זיי ווערן די קאַפּאָרע נאָך אַ פעטן ביסן.
נאָר ס׳שמעקט זיי ניט, ווען רויטאַרמייער גיבן זיך אַ ווײַז
ב׳דערלאַנגען זיי די שפּײַז אַף אויסגעשלײַפטע שפּיזן.

זיי לייגן זיך אַף דר׳ערד מיט אַזאַ כאָרכלענדיקן שרײַ,
זיי שרעקן מערדערלעך די גענדז באַם זיך צעשיידן:
אַז אויב דער רויטאַרמייער ט׳איז געפּענקעניש אַרײַן,
איז וועלן זיי אים טאָן געברענטע ליידן.

זיי וועלן זיך מיט אים באגיינ ווי מיט די קינדער אפנ וועג,
אונ ערגער נאָך ווי מיט די אומשולדיקע פרויענ.
וואָס קאָנ מענ טאָנ? א מינהעג הייליק איז ווי א געשלעג!
אונ ער האָט ליב, אז אויספירנ זאָל מענ גענוי אים!

אונ באם געווער — א פארמאסקירטער פונ דער זײַט
איז אלע ווײַל א רויטארמייער זיי מעכאבעד
אונ זאָגט זיי צו: — ועסט פריר זיך איבערקערנ אפ דער צווייטער זײַט,
ביז אינ געפאנג א רויטארמייער ועסטו כאפנ!

★✦★

זאָלנ וויינענ אינ דײַטשלאנד די מאמעס

1

זאָלנ וויינענ אינ דײַטשלאנד די מאמעס
אינ דערוואַרטונג אפ זינ פונ דעם קריג.
אינ די רוסישע שנייִקע יאמעג
האָט דער טויט זיי אפ אייביק פארוויגט.

ניט קיינ טרייסט די פארבלוטיקטע ערד איז,
ניט קיינ טרייסט איז דער הימל אינ פלאם,
אונ באגלייט זיי אליינ האָבנ מערדערס
אונ געבענטשט זיי מיט מאָרד אונ מיט סאם.

ס׳רוישנ ווינטנ אפ קוואָרימ געהיימע,
מיט פארזשאווערטע קאסקעס פארדעקט, —
זיך ניט אומקערנ קיינמאָל אהיימ מער
וועלנ רויבער, צעזייט אפנ וועג!

זאָלנ וויינענ די מאמעס אינ דײַטשלאנד
מיט פארבראָכענע איינזאמע הענט,
ווײַל זיי האָבנ די הייליקע לייד-שאָ
פונ געבורט מיט דעם אומגליק געשענדט!

2

זאָלנ וויינענ די פרויענ אינ דײַטשלאנד,
זאָלנ טרערנ פארנעפלענ דעם טאָג.
דאָס געשפענסט פונעם טויט איז ניט ווײַט שוינ,
אונ די שארבנס פונ מענער ער טראָגט.

אומגעדולדיק געוואַרט דאָכ זיי האָבנ
אפ מאטאָנעס פונ טויט דורכ דעמ קריג,
זיכ א גראָב טאָנ אינ זיי ווי די ראָבנ,
אומפארשעמט עס באקרוינעג מיט „זיג"!

נאָר א רויש רירט באנאכט זייער שוועל דאָרט,
אונ דעמ שלאָפ מיט דערשרעק ער צעווייט,
ס'ליגנ מענער פארפרוירנ אפ פעלדער,
ס'מיסט די ראָב זיכ א ריר טאָנ צו זיי!

זאָלנ וויינעג אינ דײַטשלאנד די פרויענ...
אינ די ליידיקע הײַזער פונ גיר
וועט אפ לאנג זיכ באזעצנ דער טרויער,
אונ דער אומעט וועט שטיינ בא דער טיר!

3

זאָלנ וויינענ אינ דײַטשלאנד די קאלעס,
ניט דערווארט אפ קיינ שליובנ אינ לאנד;
ס'ווערנ שאנד-הײַזער זיי ווי די שטאלנ
אפ צו פאָרנ זיכ דאָרטנ דערלאנגט.

צו דער האָכצײַט נאדאנ האָבנ ברייט זיי
זיכ באשטעלט, דורכ דער פעלד-פאָסט פארגלויבט;
ס'זאָל א גאָלדענער רעגנ פארפלייצנ
פונ הארוגע, פונ מאָרד אונ פונ רויב.

אזוי לײַטיש די צעפ שוינ באשטאט דאָרט,
אזוי גליקלעכ בא שפיגלענ געווארט, —
נאָר עס האָבנ כאסאנימ פאראטנ
מיט דעמ טויט אונטער מאָסקווע באנאכט.

אויסגעבראָכנ זיי ליגנ ווי גאל איצט
אפנ שניי מיטנ נאדנ באנאנד;
זאָלנ וויינענ אינ דײַטשלאנד די קאלעס,
ניט דערווארט אפ קיינ שליובנ אינ לאנד.

4

זאָלנ וויינענ אלמאָנעס אינ דײַטשלאנד,
מיט יעסוימימ, פארוויגט אפ דער האנט, —

דאָס פארבלוטיקטע רײַך דאָרט פארבײַט שוין
א בעסאלמענשן קרייץ פאר א מאן.

און די ביטערע נויט — פאר א שפּײַזער,
און די עלנד'ע גאס — פאר א היים;
ס'טרײַבט דער הונגער ארויס פון די הײַזער
נאָך א קיוּוער פארנעמען א ריי.

און געכאָלעמט זיי האָבן פון צירונג
אין די איינזאמע בעטן באנאכט, —
וואָס געדויערט אזוי דער שפּאצירגאנג,
אזו לאנג, ווי מעווארט — ניט דערווארט.

און דער טויט פאר א מאן ערגעץ רײַט שוין,
זײַנע טריט פון דער ווײַט מע דערקענט...
זאָלן וויינען אלמאָנעס אין דײַטשלאנד
מיט יעסוימים, פארוויגט אף די הענט.

רײַטער־גווארדיע פאר א שלאכט

די גריוועס — אָנגעפּוכט מיט פינקלדיקן שניי,
און פון די נאָזלעכער ווי זײַלן גייט א פארע:
עס וועלן ווײַטן באלד זיך געבן א צעגיי,
עס וועלן באלד די רוימען זיך צעשפּארן.

אין דר׳הייך — א שטערן ווי א פיש גיט זיך א וואָרף,
דער שניי באנאכט לאָזט זיך פון קיינעם ניט באַרירן;
לענגויס דעם וועג פון אײַנגעשלאָפן דאָרף
אף א באפעל וואַרטן דאָוואטאָרס רײַטערירע,

פונקט ווי געהאקט פון מירמל און פון שטיין,
נאָר יעדער אייוועד — אָנגעגליט און וואך איז,
שינעלן הייבן זיך ווי פליגל אוף אליין,
און אף דער זײַט זיצן די שמויסענע פּאפּאכעס.

צו האלבער נאכט דורך אָט דעם וועג, וואָס איז פארווייט,
ווען ס׳דאָרף אין דרעמל זײַן פארזונקען וועט אזוי נאָך,
וועלן דאָוואטאָרס רײַטערירע אין א רעיד
אוועקגיין טיף אין הינטערלאנד פון פוינע.

אף שטאלטנע פערד — באזילבערטע זיך דאכט,
וואָס זײַנען גרייט איבער אן אָפּגרונט זיך א ריס טאָן,
דער קאָמיסאר דער באטאליאָנער — קאבארדא,
דער פּאָדפּאָלקאָווניק, א פארדײַגעטער, — אריכטאָוו.

דורך שטילקײַט נאכטישער זיי הערן דאָס געוויין
פון די פארפּײַניקטע און לײַדנדיקע ערדן,
ווו ביז די העלדזער שטייען שטיבעלעך אין וויי,
ווו בלוטיק בושעווען די דײַטשלענדישע מערדער.

עס זעצט אפ ביימער אפ פארשנייטע זיך דער ווינט,
ער וועקט די צווייַגן די פארקאָוועטע פון אומעט.
און אין דער פינצטער טייַטלען זיי: אהין,
דאָרט ניט דערוואַרט מען זיך אין פייַן אפ זייער קומען.

אין זאָטלען קוים די רייַטער'רע זיצן איַין,
צו לייצעס אומגעדולדיק טוליען זיך באַגנעטן.
מע זאָל שוין גיכער ווי א שטורעמווינט אריַין,
דעם שוואָב די שאַרבנס מיט די קאָפּיטעס א קנעט טאָן.

נאָר דער באַפעל האָט זיך פארהייַעט. ניט פּאַראַן.
די רעגעס לאַנגזאַם אין די שנייען ערגעץ הריזנען;
און ס'גיט א קרעכץ מיט ווייטעק דער באַ'אַן,
ווי ס'וואָלט געריסן זיך דאָס האַרץ פון דער דיוויזיע.

די קלאַנגען גיבן טיף דעם כוישעך א צעגראָב,
פון אונטער פינגער א צעפּאָך גיבן זיך פונקען.
און קאַבאַרדאַ א דריי פארווונדערט טוט דעם קאָפּ:
— וואַרט אויס! וואָס שפּילט ער דאָרט? ס'איז, דאַכט זיך, א לעזגינקע?

און פונעם פערד איז ער אראָפּ, פונקט ווי א בליץ,
און א פאַרהייב געטאָן די פּאָלעס פון דער בורקע:
פון אונטער פיס האָט דאָרט דער שניי געטאָן א שפּריץ,
דעם ערשטן קרייַז ווי אין דער לופט איז ער אדורכגאַן.

נאָך אים — אריסטאָוו האָט א שפּרונג געטאָן פון פערד
און א פארצויבערטער געלאָזט זיך אפ אנטקעגן
און, מיט די טריט ניט אָנרירנדיק די ערד,
דעם קאָמיסאַר, זיך טראָגנדיק, באַגעגנט.

דער שניי פארזידט. דער שניי לויפט אויס אונטער דעם בראָק,
צעשפּרייט די הענט באַם קאָמיסאַר זייַנען ווי ווייַזערס.
אָט גיט דאָרט איינער נאָך דעם אנדערן א יאָג,
און אָט צעוואַרפן זיי זיך פליִענדיק אין קרייַזן.

— אין האַלבן צוזעץ, פּאָדפּאָלקאָווניק! ניט געייַלט!
עס דוכט, אז ס'דרייען ארום אים זיך שוין די שנייען;
דער האַרמאָניסט בייַט נאָר דעם אויער יעדער ווייַל,
די קלאַנגען ווייַט זיך אין דער נאַכט ערגעץ צעגייען.

און אָפּ די פערד די רײַטערירע זיצנ גראַד,
די הענט צו שטערנס הייבנ שטרענגע זיכ אַליינ אויפ, —
און מיט די הערצער קלאַפּנ אויס זיי אַקוראַט
א יעדנ טאַקט ווי אינ א ליד אַזאַ פּאַרייניקט.

די אויסגעפּײַניקטע זיי ברענגענ דאַרפנ פרייד
און פאַר די לייד די ביטערע — באַלוינענ;
דאָוואַטאָרס רײַטער הייבנ אָנ אַזוי דעמ רעיד
אינ האַלבער נאַכט — צום הינטערלאַנד פונ סוינע.

און אינ דער מיט, אינ סאַמע ברענ, האָט זיכ דערהערט
פונ גענעראַל א הילכיקע קאָמאַנדע:
— קאַוואַלעריסטנ, אָפּ די פערד! צו דרײַ אָפּ רעכטס!
— נאָכ מיר, דאָוואַטאָראָווצעס, — אַרש! און — צו די ראַנדנ!

ס'איז האַלבע נאַכט. די הייכ איז אויסגעשטערנט קלאָר.
געשמידט פונ צויבער קאָנענביימער זיכ ניט רירנ,
און ווי א שטורעמ כונעמ שלאָפנדיקנ דאָרפ
לאָזנ אינ אָנגריפ זיכ דאָוואַטאָרס רײַטערירע.

★✦★

יאַמ־אינפאַנטעריע

ס'אײַלנ ווינטנ פונ יאַמענ געטרײַע,
דורכ די וואָלקנס זיכ רײַסנ געבערג:
— שפּרייט דעמ סוינע א נעצ אויס פונ פײַער,
אינ דײַנ האַס אימ פאַרשליפּ און דערוווערג!

ס'הייבנ אויפ זיכ צעטראָטענע זוימענ,
אונטער בלײַענעמ האָגל געזייט:
— שנײַד, געליבטע פונ יאַמישע רוימענ,
די פאַרדאַרבער פונ סטעפּישער ברייט!

אָפּ פאַרויכערטע כורוועס אָפּ שוואַרצע
שטיל א מאַמע דאָס קינד אירס פאַרוויגט:
— זאָל דער שטורעמ פונ יאַמ אינ דײַנ האַרצ זײַנ,
און די רו פונ א פעלדז — אינ דײַנ בליק,

און די קראַפט אינ דײַנ האַנט — פונ א דונער,
און דער פּאָכ אינ דײַנ שווערד — פונ א בליצ!

לייג דאָס הארץ צו דער ערד דײַנער צו נאָר,
א געשענדטע זי רופט צו דיר איצט...

אופגעפלאקערט מיט צאָרן איר קאָל איז,
נאָר דאָס קינד אירס זי וויגט מיט א טרייסט:
— ס׳וועט דער טאטע די מערדערס באצאָלן,
פאר די טרערן, דעם בלוט און דעם בייז!

ס׳ווארט דאָס קינד, ס׳ווארט די ערד, ס׳ווארט די מאמע,
אויסגעבויגן אין בלוטיקן אָל,
א געוויין גייט פון יאמען ביז יאמען:
— זײַ זיך נויקעם, מאטראָס, און באצאָל!

— נעם די שטורעמס פון אונדז און זײַ גרויזאם
און פארניכטנד צום פײַנט אין געשלעג,
הייב זיך אופ און פארפלייצ און צעשטויס אים
און צעשמעטער — פון ברעג ביז צו ברעג!

זאָל דײַן כעזשבן פון אומברענג די מערדערס
זײַן אָן צאָל, ווי די כוואליעס אין יאם.
ווי א מאמע צו דיר רופט די ערד איצט
מיט איר וויי, מיט איר צאָרן און פלאם —

מיט די שארבנס פון סוינע פארצוימען
אים דעם וועג אין זײַן בלוטיקער קייט;
— זײַ, געליבטע פון יאמישע רוימען,
נאָך באליבטער פון סטעפישער ברייט!

יעדעס גראָז, יעדער בוים, יעדע לאָנקע
רײַסט פון פײַנט זיך צו דיר אומעטום,
ס׳האָבן יאמען מיט ברויז דיך באשאָנקען,
און דער ברויז — מיט אומשטערבלעכן רום!

א געפאנגענע ווארט ניט דערווארט זיך
בא דעם מערדער דײַן מאמע — דײַן ערד;
זאָל דער שטורעם פון יאם אין דײַן הארץ זײַן
און דאָס פײַער פון בליצ — אין דײַן שווערד!

— ★✦★ —

צו דער וואָלגע!

צעוואָרפֿן דער יאַם האָט זיך גאָלדיק,
קיין ברעג זעט אינערגעץ זיך אָן;
שוואַרציאַמיקע זין אַף דער וואָלגע,
שוואַרציאַמיקע זין אַפֿן דאָן!

מיט האַס ווי מיט זעגלען באַפליגלט,
פֿון יאַם — אַף קאַזאַקישע פֿערד.
פֿאַרבראָכענע ווערבעס זיך וויגן,
געבויגן די קעפּ צו דער ערד!

זיי קושן די טריט בא די רײַטער
און בעטן מיט גרינס זיי דעם וועג.
צעשפּרייט האָט דער יאַם זיך אַף ווײַטן,
מע זעט ניט אינערגעץ קיין ברעג.

אַ וואָלקן זיך יאָגט נאָך אַ וואָלקן,
דעם האַרץ פֿונעם היימלאַנד זיי דראָען —
שוואַרציאַמיקע זין אַף דער וואָלגע,
שוואַרציאַמיקע זין אַפֿן דאָן!

פֿון זון און פֿון בלוט אַ געוועב איז,
און שאַרף ווי אַ שפּיז יעדער זאַנג —
אַף סאַלסקער באַגאָלדיקטע סטעפּעס
זיך טראָגט אַ מאַטראָסיש געזאַנג!

ס'איז האַרטער פֿון שטיין און פֿון פֿעלדזן
מאַטראָסישער צאָרן און האַס.
זיי האָבן אין קייטן צעשטעלט זיך —
אַ פּאַנצער דעם גרויען קאַווקאַז.

קיין אײַנציקן טראָט ניט פֿונדאַנען,
ניט לאָזן אינערגעץ קיין שפּאַר —
אין בלוט איז דאָס ברויט דאָס קובאַנער,
דער נאַפֿט פֿון באַקו — אין געפֿאַר.

מאַטראָסן, געכאָוועט פֿון יאַמען,
קאַזאַקן, געשטאָלטע פֿון בערג,

דעם סוינע די וועגן פארצאמענ
מיט בליצ פונ פארניכטנדער שווערד!

א בוימ אינ אנ אורוואלד פארוואנדלענ,
פארוואנדלענ א שטיינ אינ א בארג!
ניט דורכגיינ דער פײַנט זאָל דעמ ראנד דאָ,
אפ יעטווידנ טראָט — אימ דערווארג!

צעטרייבערט זײַנ בלוטיקנ גאָרגל,
זײַנ שארבנ אפ שפיזנ טוט אָנ,
שווארציאמיקע זינ אפ דער וואָלגע,
שווארציאמיקע זינ אפנ דאָנ!

דאָס הייליקע אש סעוואסטאָפאָלס
אינ פלאמענ זיכ טראָגט — א געבאָט:
— פאָרויס! ס׳איז געפאר ניט קיינ אָפּהאלט!
— צוריק ניט קיינ איינציקנ טראָט!

עס גריסנ אײַכ ברידער פונ צאָפנ —
די ריטער פונ שטאָט לענינגראד;
דער יאמ האָט אפ ווײַט זיכ צעוואָרפנ,
מיט שטורעמווינט גרײַפנד אונ גראד!

דעמ אָנגריפ פונ סוינע ניט ווארט זשע,
אימ טאָנ לאָזט אינערגעצ קיינ טריפ —
א שליופקע זאָל ווערנ א בארזשע!
א בארזשע זאָל ווערנ א שיפ!

אונ פײַער פונ יעטווידע זײַטנ,
באגראָבט אימ אפ יעטווידנ וועג!
צעשפרייט האָט דער יאמ זיכ אפ ווײַטנ,
מע זעט ניט אינערגעצ קיינ ברעג.

עס בענטשט אפ נעקאָמע דאָס פאָלק אײַכ,
אינ האס אונ אינ צאָרנ פארטאָנ,
שווארציאמיקע זינ אפ דער וואָלגע,
שווארציאמיקע זינ אפנ דאָנ!

★✦★

ברידער

פינעף ברידער זײַנען זיי געווען,
פינעף סאָסנעס — איינס אין איינס געראָטן;
גאָלד האָט זיך פון זייערע געבענטשטע הענט
בא דער ארבעט אומעטום געשאָטן.

איינער האָט געארבעט שמידערײַ,
צווישן טרעגער האָט געשעמט דער צווייטער;
און די איבעריקע ברידער דרײַ
האָבן זיך מיט פערד-און-וואָגן ניט געשיידט דאָרט.

און געלעבט זיי האָבן זינגענדיק באנאנד,
קאָוועד אָנגעטאָן א מאמע — אומגעהײַער;
נאָר דער פײַנט באפאלן האָט דאָס לאנד,
זיך א לאָז געטאָן אפ דעם מיט שווערד און פײַער.

ווו זײַן פוס גייט דורך — איז א געוויין,
ווו ער גיט זיך נאָר א קער — איז א געיאָמער;
מיט דער האק — אנטקעגן גרויס און קליין.
ניט קיין היים און ניט קיין לעבן איז ניטאָ מער!

אָפגעקלאָגט די מאמע האָט איר בראָך,
אז אזוי באשערט איז איר מיסטאמע,
אָפגעווײנט די ברידער און — דערנאָך
זיך ניט אָפגערעדטערהייט פארזאמלט

און אוועק צום פריזיוו — אלע פיר
און מיט קלומעקלעך אפ פלייצעס זיך געמאָלדן:
— א באקאָשע האָבן זיי צו זאָגן פריר,
אפ דער קריג זיי שיקן זאָל מען מיטאמאָל דאָ!

טראָגן וועלן זיי זיך שנעלער פונעם ווינט,
צודעקן מיט טרייסט דער מאמעס האָר די גראָע, —
שלאָגן וועלן זיי די ברוינע הינט,
אומברענגען זיי וועלן זי, די כײַע-ראָע.

האָט עס די קאָמיסיע גלײַך באקלערט,
די באקאָשע אויסגעוויגן פון די ברידער,
און געמאָלדן דעם באשלוס זיי: — רעכט!
ס'וועט זייער באקאָשע זײַן באפרידיקט!

אויסגעמאָסטנ יעדנ אפנ אָרט
אונ באטראכט פונ יעדער זייַט מע האָט אימ
אונ פארצייכנט אונ פארשריבנ אונ — דערנאָכ
מאזלטאָוו אימ אָפּגעגעבנ: — גאָדיענ!

אלע זייַנענ זיי געשטאנענ שטאָלצ,
אלע שוינ וואָס גיכער זיכ געריסנ,
דאָכ האָבנ זיי אלע גלייַכ געוואָלט
מיטאמאָל נאָכ עפּעס טאָנ צו וויסנ:

פינעפ ברידער זייַנענ מיר געווענ,
איינער איז געהארגעט, איינער איז ניטאָ שוינ, —
האָבנ זיי צו דער קאָמיסיע זיכ געווענדט, —
איז דערלויבט דעריבער נאָכעט א באקאָשע.

אונ זיכ אָנגערופנ אלע מיטאמאָל
האָבנ זיי צו דער קאָמיסיע שטיל זיכ דעמלט:
— ניט פאראנ קיינ זונ פונ שטיינ איז אונ פונ שטאָל,
אונ אינ דר׳היימ פארבלייַבט אליינ אנ אלטע מאמע.

ווער זשע וועט א קוק טאָנ דאָ נאָכ איר?
אונ פארזענ מיט עפּעס, וואָס סע פעלט איר?
זאָל דעריבער בלייַבנ איינער פונ די פיר
אונ א שוצ איר זייַנ, אנ אָנלענ אפ דער עלטער!

האָט עס די קאָמיסיע גלייַכ באקלערט,
די באקאָשע אויסגעוויגנ פונ די ברידער
אונ געמאָלדנ דעמ באשלוס זיי — רעכט!
ס׳ווערט זייער באקאָשע גלייַכ באפרידיקט:

אז א זונ איז ניט פונ שטאָל אונ ניט פונ שטיינ,
אז אוועקגיינ דארפ מענ ניט פונ דר׳היימ צוזאמענ,
נאָר האשטימענ זאָלנ זיי אליינ,
ווער פונ זיי זאָל בלייַבנ מיט דער מאמענ.

האָבנ זיכ די ברידער דורכגעשמועסט,
זיכ אנ אמפער גלייַכ געטאָנ אינײנעמ
אונ געמאָלדנ דער קאָמיסיע דעמ באשלוס:
בלייַבנ וויל פונ זיי אינ דר׳היימ ניט קיינער!

איז געמאָלדן די קאָמיסיע האָט פון זיך
פאר די פיר פארזאָרגטע ברידער דעמלט:
אז דאָס לאנד, וואָס האָט אזעלכע טרײַע זין,
זאָרגן וועט אליין פאר זייער אלטער מאמע!

———— ★✦★ ————

פרילינג פון באפרײַונג

— געשווינדער, פייגל! שטעלט אינערגעצ זיך ניט אָפּ!
שוין אין דער הייך זיך אופגעהויבן האָט די זון דאָ.
עס ווארפט די ערד דעם שניי פון זיך אראָפּ,
פונקט ווי באנדאזשן פון פארהאמעוועטע ווונדן.

זי איז צעגראָבן ווי פון פּאָקן און באשײַנט
פון פלאם און סרייפעס און צעוויכערטע קאנאָנען,
וווּ נאָר אדורכגעגאנ אפּ אומגליק איז דער פײַנט,
וווּ נאָר געטראָטן ס׳האָבן דײַטשישע טאליאָנים.

— פארהאלט ניט, שטראָמען, זיך אינערגעצ אפּן וועג,
די פעלדער הײַעט ניט צעשווענקען און צעוואשן.
בא יעדן בוים, בא יעדן וואלגערשטיין זיך פרעגט,
זיי וועלן אָנווײַזן אײַך גאסטפרײַנטלעך און ראשיק:

די וועגן ווארגן זיך מיט בראָכווארגדיקע בערג,
איבערגעלאָדענע אפּ מײַרעוו-זײַט זיי פירן;
פארוואָרפן זײַנען זיי מיט דײַטשישן געווער,
פארמיסטיקט זײַנען זיי מיט דײַטשישע פּגאָרים.

— ניט זאמט זיך, ווינטן! איבער וועלדער זיך צעווארפט!
דער פרילינג גרײַפט, א צעפאלאָכעטער אינדרײַען;
ניט נאָר קיין בליונג איצטער ברענגען ער באדארף,
אין זײַנע טריט הערט זיך ניצאָכן און באפרײַונג

פאר אויסגעפײַניקטע אין קלעם אונטערן יאָך,
וואָס קוקן שטיל ארויס אפּ אים דורך אלע וועגן;
—עפנט זיך אופּ מיט אײַער צויבער און פארשפּראָך,
און מיט געזאנג באגריסט אים און באגעגנט.

שוין אומעטום ער איז, אין יעדן הויפן ערד,
וווּ ווייץ וווּ גאָלדענער און שמעקנדיקער קאָרן

וועט פאר דעם פײַנט זײַן א פארניכטנדיקע שווערד,
און פאר דעם היימלאנד — א געפאנצער פון קאיאָרן.

אין יעדן האָרן און אין יעדער שמידערײַ,
ווו ס'שמידט זיך טרײַ און האָפערדיק ס'געווער דאָרט,
ווו ס'שמעלצט אָן אופהער פארן סוינע זיך דאָס בלײַ,
ווו ס'גיסן קנאָספן אָן אפביימער זיך אין גערטנער,

אין יעדן אופגעוועקטן שטראל — ער איז שוין נאָנט,
אין יעדן אָפגענומענעם דערפעלע — שוין איז ער;
אין גרינער כאקי טוען וועלדער זיך שוין אָן —
אפ שטורעמ גרייטע — רויטארמייישע דיוויזיעס!

אין יעדן טראָט, אין יעדן קער פון פארטיזאן,
אין יעדן אופרײַס פון נעקאָמע פון צעשטראלטער, —
געשווינדער, פייגל! אפן וועג זיך איצט ניט זאמט,
אינערגעץ רוישיקע זיך, שטראָמען, ניט פארהאלט דאָרט!

ס'האָט אויך דער מײַסטער ניט פארשפעטיקט צום ווארשטאט,
די ערד פארשפראָכן האָט דער פויער מיטן קערן —
דער פרילינג גייט ווי אפ מילכאָמע א סאָלדאט,
ס'בלענדט אפ זײַן קאָפּ א רויטארמייערישער שטערן!

ער טראָגט די שווערד די זיגרײַכע פון פרײַהײַט,
ער טראָגט פארניכט דעם פײַנט אפ אלע וועגן.
— גייט אים אנטקעגן! ס'וועט באצייכענען די צײַט
מיט אים די לעצטע און אנטשיידנדע געשלעגן.

★✦★

א שוווע פון פרילינג

אין פאנצער גאָלדענעם פון מײַיקן באגינען,
מיט שארפער שײַן, געשליפן ווי א שווערד,
גיט אפן רויטן פלאצ א שוווע הײַנט דער פרילינג
דער אויסגעפײַניקטער און טרויעריקער ערד,

די אָפגעברענטע דערפער די פארלאָזטע,
די גערטנער די דערשלאָגענע, די אָפגעצערטע שטעט,

א שוועבל מיט די אופרייסן די ראשיקע פון קנאָספּן,
מיט בליט מיט שוימיקן, באפרייטן ווי פון פלעט.

— פארנעם זי, רוים פון אלע קאָנטינענטן,
געצייכנטער מיט בלוט פון שכיטע אפן האלדז,
און ווידערהאָל זי הויך מיט צאָרן פון צעפּענטונג,
און ווידערהאָל זי בייז מיט פייער אינעם הארצ!

— זין פון דער ערד, וואָס דעם פארשטאנד האָבן געפלאנצט דאָ
און אים יאָרטויזנטן געפירט צו ליכט — ארוף,
שטייט קעגן כּישעכ אוף מיט גרויזאמען געפּאנצער,
קעגן פארדארבער קעגן בלוטיקן, — שטייט אוף!

— זין פון דער ערד, צו בליִונג אופגעוועקט וואָס האָבן
א יעדן זומפּ, א יעדן טאָל, א יעדן בארג,
הייבט אוף א שווערד קעגן דעם קאברענן פון אייראָפּע,
וואָס גייט פארוויסטן אייער מי און אייער פראכט!

עפנט, ווי קוואָרים, טייכן, זיך פאר אים אוף,
באוויליקט, גרונטן, ניט קיין אָרט פאר זיין געדעכ;
ניט אופשייַנען פאר אים קיין שטערן וועט אין הימל,
ניט בליִען וועט פאר אים קיין גרעזל אַפּ דער ערד!

זאפט אָן מיט גיפט זיך, וועלדער, ביז די קרוינען,
זאָל יעדער בוים אפ אים זיך שלײַדערן מיט דראנג,
און גייט, פארניכט דעם היישעריק דעם ברוינעם,
וואָס האָט די פלאנצונגען געראָטן פון געדאנק!

ער וועט ניט הערן דאָס געזאנג פון נאכטיגאלן,
פון מײַ די בליִונג זען ניט זיין וועט ער אימשטאנד,
די קלאָג פון סאָווע אין די האלב-נאכטן וועט פאלן
ווי א פארניכטנדיקע קלאָלע אפ זיין שטאם.

ער איז אין אש, ער איז אין בלוט, ס'באדארפ קיין זון ער,
ער קוויקט מיט ראש זיך פון פארגוואלד און פון געוויין —
וועט זיין אזוי: ס'וועט אים דער פרילינגדיקער דונער
דעם צריקוועגס בעטן מיט דעם אש פון זיין געביין!

עס גיט א שוועבל הייַנט דער פרילינג דער באפרייטער
אפ פלאצ אפ רויטן דעם באפרייער פון דער ערד.

מיט הויכן ווידערקאָל אינ אופגעוועקטע ווייַטנ
די רוימענ כאזערנ זי איבער אונ די בערג.

א רויטער שטערנ אפנ פרילינג אָנגעטאָנ איז,
א שווערד פונ פרייַהייַט אונ פונ זיג איז אינ זייַנ האנט, —
ער שטראָמט אינ שטאלטנע, רוישיקע קאָלאָנעס
פונ יונגע זינ אונ טעכטער דורכנ לאנד.

ער שטראָמט א מונטערער, א שלאכטיקער, דער פרילינג.
עס ווייסט זייַנ אופגעשטראלטער אימפעט ניט קיינ צאמ
ניט אינ דער לופט, ניט אפ דער ערד דער גרינער,
ניט איבער בלויע פלאכנ פונעמ יאמ.

ס׳בליט אומעטומ דער בארג זיכ אונ דער טאָל אויס
פונ יעדנ דיר זייַנעמ אונ פונ זייַנ יעדנ שפאנ,
ער שטראָמט אינ וווּנדער-העלדישע כאיאָלעס
אינ גאָר דער וועלט — פונ ראנד צו ראנד.

— זינ פונ דער ערד, צומ פרילינג פונ נעקאָמע!
— זינ פונ דער ערד, צומ שלאכטיקנ פארזיי!
דער רויש דער ברויזיקער פונ קרירעדיקע שטראָמענ
שוינ אומעטומ פארטויבט איז פונ געוויינ,

וואָס טראָגט פונ לענדער זיכ פארפייַניקטע, געשמידטע,
אונ פונ די היימלאָזע, פארורטיילטע צו פייַנ.
א שווע גיט דער פרילינג מיט געוויטער
אפ רויטנ פלאצ מיט בלי פונ ערשטנ מייַ.

פארנעמ זי, רוימ, פונ אלע קאָנטינענטנ,
מיט בלוט געצייכנטער פונ שכיטע אפנ האלדז,
אונ ווידערהאָל מיט צאָרנ פונ צעפּענטונג,
אונ ווידערהאָל מיט פייַער אינעמ הארצ!

——— ★✦★ ———

עס בליט דער בעז

פארזאָרגטע קוימענעס אונ שווארצע בערגלעכ אש
אונ בעטלעכ קינדערשע, צעשלייַדערטע דערנעבנ —
ס׳איז דאָ אדורכגעגאנ דער טויט מיט סרייפעדיקנ ראש,
מיט צלאָמים דורכגערוישט האָבנ געפאנצערטע באגרעבער.

זיי האָבן, גייענדיק, מיט ביינער אויסגעבעט דעם וועג,
אין זומפּ דעם רום פון רויב און מאָרד באַגראָבן.
קיין גראָז וויל זיי אַפּ דר׳ערד ניט געבן אַ באַדעק,
און שנאָבלען ווענדן פון זיי אָפּ בעסאַלמענדיקע ראָבן.

פאַרקלערטע קוקן כורוועס איינס די צווייטע אָן.
זיי הערן איַין זיך אין די טריט פון פרילינגדיקן האָגל.
אַ טאָרבע אָנטאָן וואָלט אַ יעדערע געקאָנט
און מיט אַ שטעקן לאָזן זיך אַפּ וואַנדער און אַפּ וואָגל.

נאָר זיי פאַרשטעלט דעם וועג דאָס גרינס פון פעלד,
וואָס דרײַסט צו זיי זיך ראַשיק ווי אַ צושלאָג,
און לייגט זיך צו צו יעדער אָפּגעברענטער שוועל,
און ברויזט זיי אויף מיט פרילינגדיקע קושן.

ס׳גייט אויף דאָס ברויט מיט שעפעדיקן שאָרך,
מיט ראַש די זאַנגען פון דער ערד זיך שפּאַרן.
עס האָבן פרויען היימלאָזע אַפּ מענערס אָרט
מיט הענט צעאַקערט טויזנטער העקטאַרן,

דער ערד מיט פײַן און ליבע זיך פאַרטרויט,
די וואַרעמקײַט פון האַרץ מיט פרייד איר אָפּגעגעבן —
פאַר די, וואָס האָבן אין געשלעג באַזיגט דעם טויט,
פאַר די, וואָס זינגען מיט דער שווערד דעם הימן פון לעבן!

צעווישן כורוועס הוילע בליט דער בעז,
אַ יעדער בראָכשטיק צערטלט ער און פעסטעט.
אַהיים זיך אומקערנד פון זײַן צוגעסט,
האָבן די פייגל אויכעט ניט דערוויסט זייערע נעסטן.

איז וואָס? איז זינגען זיי דען ניט ווי אַלעמאָל?
און בויען דען זיי ניט קיין היימען זיך קיין נײַע?
ביסט קיינמאָל אַזוי שיין נאָך ניט געווען, פּאָלק,
און קיינמאָל אַזוי הייליק ניט געווען איז נאָך דײַן פרײַהײַט,

ווי איצט, ווען ס׳איז דײַן גורל — שלאַכט
און אָפּפערונג פאַר גליק — דײַן יעדער טראָט איז!
אַפּ נײַע ערטער אײַלנדיק געבראַכט,
האָבן זאַוואָדן גיבערדיק געטאָן זיך אַ צעאָטעם,

אין הימל מיט די טרויבן זיך געטאָן א גראָב אַרײַן,
באַגינענס אַף די אַקסל שמעלצנדיק צעווייעט —
און טויט-געפּערלעכע האַרמאַטן פאַרן פײַנט
זיך יאָגן זינגענדיק אַראָפּ פון די קאָנווייערס,

און ס'בליט מיט פּראַכט פון פרילינג א פּאַרמעסט,
און גאַנצע געגנטן אין דראַנג זיך רופן איבער:
וואָס גיכער אויסגלײַען די בלוטיק-ברוינע פּעסט
פון פעלדער און פון שטעט געפאַנגענע און טריבע...

די טראַכט פון בערג מיט צאָרן זיך צעפּראַלט,
מיט שווייס רײַסן זיך די הערצער די צעגליטע:
אין מאָסקווע הערט דער שמעלץ זיך פון אוראַל,
דער פּראָנט פאַרלייגט די דאָמנעס פון מאַגניטקע,

עס וואַרפן שטערן זיך אין זיי אַליין פון דר'הויך,
דאָס פײַער אָפּגעבן דער שלאַכט צושטײַער,
און ס'רײַסט אין וווקס א יעדער בוים זיך מיט פּאַרטרוי,
א יעדעס גראָז ציט אויס זיך טויקער, געטרײַער,

און ס'טראָגט דער ווינט פון בליונג דעם גערוך,
מיט צווײַט באַדעקן אָפּגעברענטע שײַערס.
דער הימל קיינמאָל ניט געווען איז אַזוי הויך,
און קיינמאָל ניט געווען די ערד איז אַזוי טײַער

ווי איצט, ווען אָנגעטאָן אין רויטאַרמייִש קלייד,
איז זי מיט זאַפט מיט גרינעם פול איבער די ברעגן,
און שלאַכטנדיק און גראָד אַנטקעגן רום זי גייט,
ווי ס'גייט די זון דעם פרילינג אַף אַנטקעגן.

———— ★✦★ ————

יול 1942

די היץ פון יול איז אויסגעמישט מיט פײַער פון געווער,
און גאָלד פון רײַפנדיקן ברויט — מיט בלוט פון די באַצווינגער;
עס שטײַגט דער איינס-אַף-איינס אין גענעמדיק געפעכט
פאַר יעדן זאַנג, פאַר יעדן בוים, פאַר יעדן ציגל.

מיט וואָרצלען קלאַמערט אין דער ערד זיך יעדער שטאַם,
די היץ אין סטעפּ צעפּלאַסטערט איז וואַטראָניש;

פאַרכלינעט האָט די שלאַנג אין פײַער און אין פלאַם
זיך באַ די ווענט פון אַלטן רוסישן וואָראָניעזש.

און בלוטנדיק נאָך מער, דעם גיפטן־שלונג זי שפּאַרט
און וואַרפט זיך ברענענדיק פון אָרט צו אָרט דאָרט,
אַ יעדער הויף: ערד הייבט אויף זיך ווי אַ באַרג
און כראָמקענדיק צעקײַט אַ האָרדע נאָך אַ האָרדע,

און שטעלט זיך מוטיק קעגן בערג פון שטאָל,
וואָס זייער צאָל איז ניט געציילט און ניט געמאָסטן;
עס שוועבט אויף יעדער רוסלענדישער שטאָט
דער רום דער הערלעכער פון שלאַכטן אונטער מאָסקווע.

ניט צולאָזן דעם פײַנט! ניט אָפּטרעטן פון ראַנד!
די ערד די רוסישע ניט לאָזן צו פאַרשוועכן!
פון סוינעס שאַרבנס אויפשטעלן אַ וואַנט
און זײַן געווער ווי בראָך מאַציייוועדיק פאַרשטעכן!

די היץ פון יול פאַרפּלייצט. די שלאַכט איז אין זעניט.
אויף וואָגשאָלן — גוירלעס לייגן זיך צעפּלאַקערט;
אַנטקעגן שטאָל און אײַזן — שטאַנדהאַפט פון גראַניט!
אַנטקעגן מערצאָל — האַס און ווונדער פון געוואַגטקײַט,

וואָס ווייסט אין שלאַכט קיין אָפּהאַלט און קיין צאַם,
וואָס פּלעפט דעם טויט און וואָס איז גיוואָער זײַנע קלעמער.
עס שוועבט דער העלדן־צויבער פון וואָלאָקאָלאַמסק
און דער געשטאָלטער גײַסט דער הויכער פונעם קרעמל...

דער סוינע קריכט אין פאַנצערס דרײַפאַכיק פאַרטאָג
צו יאַמען ווייַ צו גאָלדענע, וואָס טריפן; —
די שלאַנג מיט אָפּגרונטן באַגעגן, שטילער דאָן,
דערטרינק זי אַ צעבראָקלטע אין דײַנע ברויזנדיקע טיפן!

און דײַנע פרײַע סטעפּעס ניט פאַרשוועכן לאָז
און כאָרעוו מאַכן לאָז איִם ניט די בליִענדע סטאַניצעס,
ווו לידער יונג־קאַזאַקישע מיט לויטערן צעגאָס
פאַנאַנדערטראָגן איצט פון דײַנע טעכטער אויפן שניט זיך.

די אָדערן ער רײַכט זיך דורכהריזען דיר, דאָן,
זאָל באַ דײַן בליִענדיקן ברעג זײַן לעצטער בראָך זײַן!

עס זאָטלען פעסטונגען געפאַנצערטע די זין דײַנע איצט אָן,
ווי פערד קאָזאַקישע זיי זײַנען דײַנע זין געהאָרכזאַם!

און שטאָל — אַנטקעגן שטאָל! און צאָל אַנטקעגן צאָל!
און קעגן מערצאָל — האַס און העלדישע געוואַגן!
פאַר יעדן בוים — מיט לעבן דרײַפאַכיק באַצאָל!
פאַר יעדן זאַנג — אײנײנעם מיטן פאַנצער פּלאַקער!

ער שטײַגט, דער אײנס-אַפּ-אײנס, פון אונטער פלאַם און האַס,
די האָרדעס ווײַטער רײַסן זיך און שפאַרן,
ס'איז יול. נאָר ס'וועקט זײַן שניי-רוקן דער באַרגיקער קאַווקאַז,
ער טוט אַפּ שטורעם אָן זיך שוין אין כמאַרעס.

די היץ פון יול צעשמעלצט. די שלאַכט איז אין זעניט.
אַפּ וואָגשאָלן — גוירלעס לײגן זיך צעפלאַקערט:
אַנטקעגן שטאָל און אײַזן — שטאַנדהאַפט פון גראַניט!
אַנטקעגן מערצאָל — האַס און וווּנדער פון געוואַגטקײַט!

——— ★✦★ ———

דאָס דרײַ־און־פערציקסטע

עס קלינגט די צוועלפטע שאָ, פאַרשליסנדיק דאָס יאָר,
דאָס יאָר פון פײַן אַפּ גאָר דער ערד פאַרזייטן.
פאַר די אַפּאָסטאָלן פון מאָרד, פון גוואַלדטאַט און פון יאָך
טראָגט זי דעם איבערקלאַנג דעם גרויזאַמען פון קייטן
מיט אַ לעווײַעדיקן גלאָק באַנאַנד,
אין אונטערגאַנג אין שענדלעכן דערמאַנענד.
זי שוועבט איבער דעם שוואַרצן קײוועדיקן ראַנד
און וועקט די טפּיסעדיקע האַלבנאַכט פון גערמאַניע:
— זאָלן די קלאָווים-ריטער אופשטײן פון דער גרוב
און די אַנטבלויזטע שאַנד די פינצטערע דערזען דאָ,
וואָס זיי האָבן אין בלוט, אַלס זייער שטאָלץ און רום,
אין די יאָרהונדערטן מיט גײַווע אָנגעווענדעט
און איבער גאָר דער ערד פאַרברעכעריש געפּרוּווט
די מאַכט פון מאָרד און רויב און פון באַצווינג צו שאַפן,
ווי דײַטשלאַנדס גראַדן, אײַזערנעם באַרופ
אין איר געזאַלבטקײַט הערשן און פאַרשקלאַפן.

זאָלן זיי זען אין זייער ווערעמדיקן גיר
אַף אַלגעוועלטיקייט אַף העפקערשער פאַרמאָסטן —
אונטער דער לענין-שטאָט פון בראָך דאָס שטאָלענע געשוויר
און דאָס געביין פון פוילנדיקע האָרדעס אונטער מאָסקווע;
זאָלן זיי זען, — מיט קיִוער-רום באַזויפן זאַט, —
ווי ס'וואַלגערן צעוואָרפן און באַנאַנד זיך
הארוגים בערג אַף וועגן פירנדע צו סטאַלינגראַד,
און אַף די פעלדער — קאַסקעס ראָסטיקע און פאַנצערס,
מיט ציילעמס ברעזענע פאַרזייטע נאָכאַנאַנד
אַף שטרעקעס ווייט לענגויס דעם דאָן און וואָלגע;
זאָלן זיי זען זייערע איבער־אָפּשטאַמען באַם ראַנד,
די קעפּ פאַרפאַקט אין שמאַטעס און אין טראָלדן,
די קישקעס — דורכשפּאַגאַטעוועט מיט שטריק,
און אָנגעשטופּט די בוזעמער מיט זעק פון גזילע;
זאָלן זיי זען דעם לעצטן פיבער-מאַרש צוריק
פון מאַלפּעס קרעציקע אין פינצטערניש פון היילן.

צי וועט עס דען אין קיִוער ניט דערמאָנען זיי
דעם בראָך דעם אייגענעם מיט פאַנצערס און מיט אייַזן?
ס'איז עפשער דעמלט אויך געגאַנגען אַ שניי
און אונטער פיס געבראָכן האָט דאָס אייַז זיך...
עס קלינגט די צוועלפטע שאָ, פאַרשליסנדיק דאָס יאָר,
דאָס יאָר פון פייַן אַף גאָר דער ערד פאַרזייטן.
פאַר די אַפּאָסטאָלן פון מאָרד, פון גוואַלדטאַט און פון יאָך
טראָגט זי דעם איבערקלאַנג דעם גרויזאַמען פון קייטן,
און אָנראַכמאָנעסדיק זי מעלדעט און דערמאַנט
פאַרזונקענע אין בלוט, ווי אין אַ האַרבסטיקן געוויטער,
אַז דאָס איז זייער לעצטער ראַנד,
אַז דאָ וועט איבער זיי דער אָפּגרונט זיך פאַרשליסן!
די טויערן פון צייַט זייַנען צעשפּאַרט,
דער אורטייל ווי אַ שווערד אַנטבלויזט פון שייד איז.
עס גייט דאָס דרייַ-און-פערציקסטע אַרייַן אין שלאַכט
אַן אָנטיילנעמער זייַן און זייַן אַן אייִדעס
פון שלאַכטן ניט געוועזענע אַף דר'ערד
און העלדנטאַטן ליכטיקע פון פעלקער — רויטאַרמייער,
וואָס קעמפן אויס די צוקונפט מיט דער שווערד
און סילעקן דאָס לעבן דאָ מיט ליבע און מיט ווייַ איר.

פונ שניי זיכ שפרייט די אומעטיקע פראכט,
אונ קינד-אונ-קייט — צו אָפּפער גרייט איז...
עס גייט דאָס דרײַ-אונ-פערציקסטע אריַינ אינ שלאכט
אנ אָנטיילנעמער זײַנ אונ זײַנ אנ איידעס
פונ זיג איבער דער פינצטערניש אפ דר׳ערד,
פונ ליבע אונ געוואגטקײַט אומגעהערטער,
פונ דער גערעכטער שטראָפנדיקער שווערד,
וואָס ס׳טראָגנ שטאָלצ פונ פאָלק די זינ אונ טעכטער.
זײַנ אָנקומ זײַנ זאָל זיבנ מאָל געבענטשט,
זאָל מיטנ אָנגריפ אפנ פײַנט באגעגנט זײַנ דאָס נײַ-יאָר
אינ נאָמענ פונ דער צוקונפט אונ דעמ מענטש,
אינ נאָמענ פונ זײַנ בלוט-באצאָלטער פרײַהײַט!

★✦★

א יאָמטעוו זיינ וועט אויכ אפ אונדזער גאס

ער שמעלצט אינ פײַער זיכ פונ מוט אונ צאָרנ.
ער צײַטיקט גרײַפנדיק אינ פלאמ פונ האס.
אונ אופגיינ וועט ער מיט געשאל פונ האָרנ,
קאיאָריק בלענדנדיק אפ אונדזער גאס.

די טעג אינ אונטערוועגס, די נעכט אינ גראָבנס,
די וועגנ פײַערדיקע — פאס נאָכ פאס —
צעבליִענ וועלנ זיכ מיט זיסע גאָבנ
אינ יאָמטעוו ליכטיקנ אפ אונדזער גאס.

זײַנ טראָט האָט דורכגעהילכט אינ וואָרט פונ פירער,
זײַנ אָטעמ דורכגעהויכט האָט עכט אונ הארט:
קיינ שפאנ קיינ איינציקנ אינ שלאכט פארלירנ,
דעמ פײַנט ניט אָפּטרעטנ קיינ טראָט אינ שלאכט!

געליבטע ווארטנ אינ געפאנג פארשפארטע,
אונ קינדער היימלאָזע — פארצערט אונ בלאס;
דורכ ניט געוועזענע, דורכ הייסע שלאכטנ
ער גייט אונ נענטערט זיכ צו אונדזער גאס.

ער איז אינ ווידערשטאגד צומ סוינעס רייענ,
אינ שטאנדהאפט שטאָלענער בא יעדער לאסט;
דורכ ראנד געפעסטיקטנ אינ די טראנשייענ
ז׳דער קירצסטער וועג זײַנער צו אונדזער גאס.

עס פרעגנ ווינטנ זיכ, עס פרעגנ שנייענ,
דער שאָרכ פונ בלעטער-פאל אינ קלאנג געפאסט:
— וואָס האָסטו אופגעטאָנ דאָ, רויטארמייער,
אפ אימ דערנעענטערנ צו אונדזער גאס?

מיר וועלנ אויסקעמפנ מיט מוט אונ וויי אימ,
אז ניט פארגיינ זאָל ער, דער זיסער גאסט.
דערווײַל צעבליט ער זיכ אפ באטארייענ,
ביז ער וועט אָנקומענ אפ אונדזער גאס!

א וועג אימ אויסבעטנ אפ אלע ראנדנ
מיט שארבנס פײַנטלעכע, מיט פײַנטס געביינ,
אונ שלאָגנ מוטיק זיכ פאר יעדנ שפאנ דאָ,
אונ אויסשטיינ פאָטערלעכ א יעדנ שטיינ!

ביז לעצטער קויל — אָנ שרעק, אָנ איימע,
ביז גרונט פארניכטנ דאָס צאָראס.
עס ווארטנ מאמעס אינ די טריבע היימענ
זײַנ הייסנ אָטעמ אפ אונדזער גאס.

ס׳צעבליענ האָפענונגענ הינטער גראטעס
פונ די פארטריבענע אפ וויי אונ יאָכ.
דעמ פירערס וואָרט — אינ יעדנ בלאט איז,
אינ יעדנ שנייעלע, אינ יעדנ שאָרכ:

פונ ערד ווײַסרוסישער ביז קרימער שוועל דאָרט,
פארבראָכענע פונ וויי אונ לאסט,
דערווארטנ ווײַנגערטנער אונ טריבע פעלדער
זײַנ זיגרײַכ אָנקומענ אפ אונדזער גאס.

ער שמעלצט אינ פײַער זיכ פונ מוט אונ צאָרנ.
ער צײַטיקט גרײַפנדיק אינ פלאמ פונ האס.
אונ אופגיינ וועט ער מיט געשאל פונ האָרנ,
קאיאָריק בלענדנדיק אפ אונדזער גאס.



מאָסקווע סאַליוטירט!

פונסנײַ צעגרינען אין סענטיאבער זיך די פעלדער,
מיט יונגער בליִונג טוט זיך אָן א יעדער טאָל.
— וואך אוף פון אש פון סרייפעדיקן, בעלגאָראָד!
— צעשפרייט די פליגל די צעפּענטעטע, אָריאָל!

עס פליִען אוף, ווי בלענד-פייגל, ראקעטן
פון רויטן פלאַץ מיט א געהילך: — זאָל הערשן ליכט!
— באפרײַטע ערד! דער רום מיט זאלפן-טריט באטרעט דיך,
צו דיר די הויפּטשטאָט מאָסקווע סאַליוטירט.

צוויי הונדערט פיר און צוואנציק מעכטיקע קאנאָנען
א מאזלטאָוו דיר גיבן אָפּ אפ גאָר דעם לאנד!
פון רויך דער רייעך זיסער איז פון האָניק,
און אזא שטילקייט זיך פארשפרייט נאָך יעדן קלאנג.

די האלבנאכט אָנגעטאָן איז בלענדיק אין באגינען,
דעם הימל ענג איז פון געיויר און פון געברויז.
— באגעגן דײַן באפרײַונג, אוקראַיִנע!
— אנקעגן זין דײַנע, ווײַסרוסלאנד, גיי ארויס!

צוויי הונדערט פיר און צוואנציק מעכטיקע קאנאָנען
ווי א קאפעלע פון דער זיגרײַכער ארמיי.
ס׳וועט יעדער גראָז, ס׳וועט יעדער בוים דײַנער דערקאָנען
די גרויזאמע, די דונערדיקע פרייד!

מיט א געקנאל פון כעדווע אופגעוואכטער,
מיט הערצער פלאמיקע פאנאנדערוויגט פון רום
נעמט איצט, געלײַטערטער און אויסגעפּלאָגטער כארקאָוו,
די מאמע מאָסקווע דיך ארום!

דער סוינע פלאצט און מער ניט אופהייבן זיך וועט ער,
שוין הייבט זיך אָן דער גרויזאמער געריכט.
— באפרײַטע ערד! מער וועט די פײַנ דיך ניט באטרעטן,
צו דיר דאָס לאנד דאָס גאנצע סאַליוטירט!

——— ★✦★ ———

אינהאלט

	זײַט
דעם ייִדישנ שלאכטמאנ	3
הא לאכמא	8
א שוועּ אפנ קײווער פונ פארפײַניקטנ רויטארמייער	10
ענטפער, טאליענ!	12
דערהארגעט אימ!	14
מאטראָסנ	16
דעם פארטיזאנס מוטער	18
אוווערטיור	20
לענינגראד	27
קיִעוו	29
אָדעס	30
א טאָכטער פונ פאָלק	33
געזאנג וועגנ די אכט אונ צוואנציק	51
באלאדע וועגנ פינפ	67
באלאדע וועגנ דעמ קאָמיוגיסט גרעבעניקאָוו	76
טריפטיכ	84
אינ אָקופּירטנ דאָרפ	89
נאטיורמאָרט	92
טראָפּייענ	94
א צווינטער אפנ יאמ-דעק	95
דער געפאנגענער	97
געפאנגענער פאשיסט	99
דאָנער-וועטער!	102
א מינהעג	104
זאָלנ ווײנענ אינ דײַטשלאנד די מאמעס	105
רײַטער-גווארדיע פאר א שלאכט	108
יאמ-אינפאנטעריע	110
צו דער וואָלגע!	112
בלידער	114
פרילינג פונ באפרײַונג	116
א שוועּ פונ פרילינג	117
עס בליט דער בעז	119
יול 1942	121
דאָס דרײַ-אונ-פערציקסטע	123
א יאָמטעוו זײַנ וועט אויכ אפ אונדזער גאס	125
מאָסקווע סאליוטירט!	127

O.P.C.N. BUCURESTI

1416
Universitäts-
bibliothek
UNIVERSITÄT POTSDAM
Ausleihnr.
98032493

Цена 8 руб.

187 50

6400

ПЕРЕЦ МАРКИШ

ЗА НАРОД И РОДИНУ

Universitäts-
bibliothek
Inventarnr.
98032493

ОГИЗ
Госиздательство „Дер Эмес“
Москва, Старопанский пер., 1.